STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09726

SONETN

J. L. Kaluschiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. קאַלושינער

סאַנעטן

פאַרלאַג א. בידערמאַן

ניו־יאָרק 1932

SONNETS

by

J. L. KALUSCHINER

Copyright by

J. L. KALUSCHINER

New York, 1932

I. W. BIDERMAN, Publisher
176 Second Avenue
New York, N. Y.

490

געדרוקט אין דער אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.

צו דיר, מיין אסתר מלכה

דאָס לעבן האָט צעטיילט איין גייסט אין צוויי געשטאַלטן,
אַראָפּגעשיקט אונז ביידע גאָר באַזונדער אויף דער ערד;
עס זאָל מיין זיין דאָ אין די ווייטן ווערן אויך דערהערט,
פון די געזאַנגען, וואָס איך טראָג צו דיר באַהאַלטן.

מיט איין נשמה האָט די וועלט אונז דאָ פאַרבונדן —
נאָך יאָרן זוכן דיך, פאַראייביקט אונז אין מאַן און ווייב.
ביסטו פאַר וועמען, ליד נאָך ליד פון מיין געדאַנק איך קלייב —
אַז פון דיין בליק זאָל זיך מיין האַרץ צום אויפשטייג צינדן.

עס ליגט אָן רו אין אונז דער אורשפּרונג פון פאַרלאַנגען;
— אַ גייסט ביי צוויי געשטאַלטן מיט שליחות צו דער וועלט,
די סודות צו דערגרונטעווען, וואָס זיינען נאָך פאַרשטעלט.

און כאָטש דאָס לעבן האַלט אונז אָפט אין נויט געפאַנגען,
איז הייליק דיר מיין ליד, ווי דו וואָלסט דאָס אַדורכגעטראַכט,
און מיר דעם יום־טוב פון מיין וואָרט פון טיפעניש געבראַכט.

ניו־יאָרק, נ. י., 1932.

ערשטער בוך:

„אַרום מיר"

דערשינען אין 1922

פאַרלאַג „פעדער"

ניו־יאָרק.

●

גרייט צום דרוק:

אַ ניי בוך לידער

סאָנעטן

פון

י. ל. קאַלושינער

אָפּטײלונגען

פון זייט		אויף זייט
3	ווידמונג	3
9	אויף וועגן	30
33	ניו־יאָרקער גאַסן	48
51	מאָרגנס	64
67	הינטער שטעט	90
93	אַזעלכע טעג	102
105	לויב	112
114	נאָך ניינצן יאָר (קאָנעטן־רינג)	128

ערשטע אָפּטיילונג

אויף וועגן

אינהאַלט

אין ווינקלען — 9
פון וועלט צו וועלט — 10
די קייט — 11
שטאָט — 12
אין אויפבלי — 13
ניט אַלע מאָל — 14
מאָרגנס — 15
מאַשינען I — 16
רעדער II — 17
אומרו — 18
שאָסייען — 19
נאַכט — 20
ביינאַכט אין אַ פרעמדער שטאָט — 21
שפּיל — 22
וואונדער — 23
אין אויפגעברויז — 24
אין וועג — 25
אין געגנט פון פאַבריקן — 26
מיינע הענט — 27
נאָך הארבסטיקע מעת־לעת׳ן — 28
אַנזאָג — 29
נאָכן באַנקעט — 30

אין ווינקלען

אין גאַסן וואו עס האָט געגורעט זיך דער צער אין ווינקלען,
און הפקר האָט געפלאָנטערט זיך די אָרימקייט דורך טאָג און נאַכט,
האָט אין דער וועלט מיט פרייד דאָס לעבן מיינע אויגן אויפגעמאַכט:
— מיין מאַמע זאָל אין קלעם פון אומעט אין מיין בליק זיך שפּיגלען.

און פון אַ שטוב, דערווייטערט פון דעם שמחה'דיקן לעבן,
האָב איך, אויף זון, דעם ערשטן טראָט געטאָן אין גאַס פון פיין און נויט,
וואו ס'האָט אין האַרבסט מיין פרילינג אויפגעבליט פון איבער בערגלאַך קויט,
און מיט אַ קאַרגער האַנט מיר זומערן מיט פרייד געגעבן.

ניט אַלע מאָל האָב איך זיך מיט די פריידיקייט באַגוגנט,
ווי טיף דער קלאַנג פון יום־טוב האָט געמעגט מיט ליד אין האַרץ אַריין,
האָב איך געמוזט אין קלאַמער פון דעם אומעט מיט מיין גורל זיין.

ווייל גאַסן האָבן מיר געפּאַרט דעם עלנט מיט מיין יוגנט,
און איינגעצאַמט מיט לאַסט און בענקעניש מיין יעדערן באַגער:
איך זאָל זיך פּלאָנטערן אויף טרעפּ פון צייט צו מיינע יאָרן שווער.

פון וועלט צו וועלט

די ערד, וואָס האָט געהאַלטן מיינע יוגנט טעג,
געפירט, איך זאָל דאָס נייע לעבן איבערנעמען;
האָט ניט פאַרהיט עס זאָל מיך קיינער ניט פאַרשעמען,
ווען טרעפן כ'וועל אַ ווידערשטאַנד אויף ווייטן וועג.

געטראָגן האָט די ערד, און טראָגט מיך איצט נאָך בלינד,
אויף אירע פלאַכן און מדבריות, בערג און טאָלן;
און וואו איך קום, מוז איך מיט שווערער מי באַצאָלן,
ווי ס'וואָלט די וועלט געשטראָפט מיך נאָך פאַר פרעמדע זינד.

און וויפיל טעג די אַרבעט האָט מיר צוגענומען,
געצאַמט געהאַלטן מיך פאַר ברויט נאָר אין פאַבריק,
געוואָלט צעשטערן צו מיין נייער וועלט די בריק, —

האָט מיטאַמאָל אַן אויפברויז מיך אָוועקגענומען,
דערהויבן פון דער וואָך, פון שטאָליקן געקלאַנג,
געלייטערט פון דעם רויך אין וועלטן מיין געדאַנק.

די קייט

די יאָרן מיינע ליגן אויף מיין פנים זיך אוועק;
די טעג פון מאָרגנס ווייזן אָן מיר מיינע וועגן,
און העלפן צו, איך זאָל מיט כח די צייט באַוועגן,
און שניידן טיפער אין דער ווייט אַריין דורך פרעמד מיין וועג.

דער הימל איבער מיר באַגלייט מיך מיט זיין מאָרגן־ליכט,
און שיקט די זון זאָל פאַר מיין בליק אַנטקעגן קומען,
כאָטש ס׳זיינען בויאונגען פון מיר אין ווייט צעשוואומען,
געלאָזן שוין ניט איינמאָל שפּורן צער אויף מיין געזיכט.

עס גייען בילדער פון די נעכטנס פאַר מיין בליק פאַרביי,
און וועקן אויף אין מיין זכרון, טעג און נעכט פון מאַי,
וואָס האָבן פאַר דעם מאָרגן מיר געבוירן נייע פרייד.

דער נעכטן גייט און לאָזט מיך פון זיין שאָטן ניט אַראָפּ,
אַ זכר בלייבט און נורעט זיך געהיים ביי מיר אין קאָפּ,
כאָטש טאָג נאָך טאָג איך בינד נאָך פון מיין דור די לאַנגע קייט.

שטאָט

דאָס פרעמדע לעבן פון די גאַסן דיינע, היימלאָכע פון שטיין־געבוי,
האָט הפקר איינגעריפט אין כוואַליעס אומרו, מיין נשמה אין געפאַנג,
און האָט ניט איינמאָל אין מיין פרילינג מיר פאַרווירט מיין ליכטיקן געדאַנק,
פאַרנעפּלט מיינע זעאונגען מיט רויך פון יונגן האַרבסט אין טעג פון גרוי.

און כאָטש איך האָב געבענקט אין שווייגן מיינעם נאָכן פלאַטער פון אַ טויב,
איך זאָל פון דיינע טאָלן־קאָרידאָרן צו דער זון מיט פרייד אַרויס:
האָט מיך עקשנות'דיק דיין לעבן דאָ צוריקגעהאַלטן אין גערויש,
דו זאָלסט אין דיינע אָרעמס מער באַנעפּלען מיינע זעאונגען מיט שטויב.

און ווי עס גייט אַ קעמל אין אַ מדבר, מיט די מיילן שטויב פון וועג,
און ציט נאָך זיך אַ קאַראַוואַן, באַלאָדן מיט געוויכט פון ברעג צו ברעג,
גיי איך אין דיינע גאַסן, שלעפּנדיק מיט זיך מיין לעבן באַרג אַרויף.

און ווי די זון־בלום קערט ניט אָפּ איר פּנים פון צעשטראַלטן גלוט אין פעלד,
נעם איך אין דיינע שטיינער־גאַסן ניט מיין בליק אַרונטער פון דער וועלט,
מעג אין דער פרעמד דאָ פון חלומות מיינע, הויבן זיך אַ רויך אַרויף.

אין אויפבלי

אין אויפגלי פון דעם מאָרגן־רויט, בליט אויף דאָס לעבן איבער מיר,
און הויבט מיך אויף מיט גאָלד באַוועבט, ווי מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט,
אַרייַנצופירן מיך אין די אַלייען פון דעם מאָרגן־לאַנד,
וואָס עפנט פאַר דער זון די וועגן, איר צו לאָזן אויף שפּאַציר.

און אין דערהויבן זיך אַרויס מיט יום־טוב פון דעם שטויב און רויך,
וואָס אָטעמט אויס דער קאַסטן מיט פאַבריקן, דורך דעם מויל פון שטאָט;
— דערנידער איך אַרונטער צו באַוועגן אין פאַבריק די ראָד;
— דאָס לעבן איבער מיר זאָל ווערן מער באַפאַנצערט מיט מיין כח.

מיט אויגן ניט מיט האַרבסט פאַרלאָפן, קוק איך אויף מיין בוך פון טעג,
וואו ס'שטייט געקריצט מיין יעדער אויפטאָן, ווי אין ראַמען פון אַ בילד,
און לאָזט מיך ווייטער גיט אין לעבן זיין פון בענקען איינגעשטילט.

הענגט אויסגעוועבט פאַר מיינע אויגן, די אילוזיע פון מיין וועג,
וואָס שניידט אַריין זיך אין אַ נאָך־ניט אויסגעטראָטנדיקן ווייט,
און ליכטיקט אויס דעם האָריזאָנט מיט ליכטער פון מיין יוגנט־צייט.

ניט אַלע מאָל

ניט אַלע מאָל קומט אָן דער טאָג מיט זיינע פאַרבן צו מיין בליק,
ווי כ'וואָלט געווען פאַר'משפט נאָר צו זיין פון ליכט אוועקגעקערט,
און ווירבלען אין אַ וועלט פון קאָרידאָרן אונטער שיכטן ערד,
און תמיד זיין, ווי טאָג מיט נאַכט, מיט זיך אַליין אין שטילן קריג.

קומט זעלטן אָן פון פעלד און וואַלד צו מיר די גרויסע פרייד פון רו,
עס זאָלן די געדאַנקען אין מיין קאָפּ ניט זיין ווי אויף אַ יאָר־יאַריד,
און ניט פאַרטראָגן מיך אויף וועגן פרעמד נאָך מיינע פעסטע טריט,
וואו קיינמאָל בין איך ניט געקומען נענטער צו מיין גליק נאָך צו.

און מיט דעם ליד פון פרייד, וואָס טראָגט פון מיר זיך פאַר דער וועלט אַרויס,
זינגט מיט מיין האַרץ פאַר מיר אַליין, דאָס ריטמישע געזאַנג פון ברויט,
אין אייביקן געראַנגל, אין דעם לעבן, מיט דער קאַלטער נויט.

און כאָטש ניט איינמאָל ווערט מיין קלאַנג פון האַרץ פאַרלוירן אין גערויש,
פון אויפגעברויזטן אויפטאָג נאָכגעשפּאַנט אין טאָג פון שטאָל און שטיין,
צעטראָגט זיך פלאַמיקער מיין ליד פון אויפגאַנג אין דער וועלט אַריין.

מאָרגנס

די שאָטנס פון די מאָרגנס רייסן מיך פון הויז אוועק,
איך זאָל אויפסניי מיין טאָג פאַר ברויט אָפּגעבן אין פאַבריק;
צעברעכן הינטער מיר פון לעבן שטיקער פון מיין בריק,
און וואַרפן זיי אין טיפן, אין דעם טייך פון מיינע טעג.

און מיט דער שרעק וואָס שפּרייט דער הונגער אויס פאַר מיינע טריט,
וואו כ'גיי פון טאָג אוועק פאַרשטויסן, נאָכגעפאָלגט פון אים;
גייט ניט פאַרלוירן אין מיין האַרץ פון אויפגעברויז מיין שטים,
ווייל נאָך אַ מאָל ווער איך אין קאַמף געבוירן מיט מיין ליד.

און כאָטש דער וואָרצל פון מיין וועלט איז נישט צעבליט ווי מאַי,
דערוואַקסן אין פאַבריקן ביי די רעדער פון מאַשין:
— האָט רויש פון ברעקלענדיקע שעה'ען ניט פאַרכאַפּט מיין זין.

און מעג דער שאָטן פון דער נויט ניט לאָזן מיך נאָך פריי,
איך זאָל אין פּיין זיך ראַנגלען אין דעם שטאָליקן געברויז:
— וועט מיט דעם רויך פון חורבות צו דער וועלט מיין וואָרט אַרויס.

מאַשינען

I

עס לויפֿן רעדער אין גנאייל און דרייען זיך אויף וואַלצן,
און מעסטן שעה'ען פֿון דער צייט, וואָס שאַרן זיך צו זיי,
ווי אויסגעמאָסטן ווערן און אַנטלויפֿן פֿון געשריי,
וואו שטעפּערייַ פֿון בלאַנקע נאָדלען אויף מאַשינען טאַנצן.

און נאָך דער לויפֿעניש, געיאָגט פֿון רעדער אין מאַשינען,
לויפֿט מיט גערויש אַ נעץ פֿון רימענס איבער וואַלץ און ראָד,
ווי איינגעשפּאַנט אין לייצעס פֿון אַ שטאָל צעברויזטן גאָט,
וואָס טרייבט דאָס לעבן אין פֿאַבריק אַראָפּ פֿון זינען.

צעטראָגט זיך דורך די פֿענצטער דער גערויש פֿון שטאָל און אייזן,
צערייסט די ווייסע רו אין דרויסן איבער שטאָק אין הויך,
וואו ס'גייען שעה'ען ליכט אין אייביקייט אַוועק מיט רויך.

עס לויפֿן רעדער אין געשפּאַן, דאָס הויז נישט אויפֿצערייסן,
און איבער זיי, אַרויף, אַראָפּ באַוועגן זיך נאָר הענט:
— צעטרייבן די מאַשינען אין אַ וויכערדיקן בלענד.

רעדער

II

די רימענס אויף מאַשינען, רוען דורך דעם טאָג נישט איין,
צערעדערן די שעה'ען ליכט אין רעדער־דרייעריי,
און ווילן נישט פון יאָגעניש אַ רגע ווערן פריי,
און פאַלן מיט אַ שווייגעניש אין רואיקייט אריין.

מאַשינען לאַכן אויס די טעג, וואָס גייען מידע אָפּ,
געטריבן און צעברעקלט מיט אַ ווילדן רויש,
וואָס האָבן ניט געלאָזט פון זיך אַ פרייע שעה ארויס;
און נאָכגעוואָרפן שטאָליקן געקלאַנג פון הויך אראָפּ.

די רעדער פון מאַשינען מאָלן און צעמאָלן — צייט,
און איילן צו דערגרייכן, מיט אַ ברויזן צו דער נאַכט,
און וואַרפן טעג אַנטקעגן, וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט.

דאָס לעבן לויפט מיט צילן, מיטגעריסן צו דער ווייט,
לאָזט איבער הפקר טאָג נאָך טאָג נישט אויסגעלעבט אין זיי,
און איילט וואָס גיכער נאָך אַ מאָל צום מאָרגנדיק געשריי.

אומרו

די טיר צו מיינע יאָרן, וואָס מיין דור האָט אויפגעמאַכט,
איך זאָל אַריינגיין אין די קאָרידאָרן פון דער וועלט:
איז אָפן נאָך פאַרבליבן, ניט פון קיינעם דאָרט פאַרשטעלט,
דאָס לעבן זאָל מיר נאָכגיין, מיט דעם גלעט פון גליק באַוואַכט.

און נאָך מיין שאָטן זיינען אַנדערע נאָך מיר אַריין,
די פייערן פון לעבן איבערנעמען פון דער ערד;
ווערט נאָך אַמאָל פון אונז אַ וועלט געבוירן און צעשטערט,
מיט גלי פון מיין נשמה, און פון אויפלעבן טיף די שיין.

און ווי עס וואַרט אַ וואַלד צו ווערן צוגעדעקט מיט גרין,
באַזונגען צו דעם נייעם אויפגיין פון דעם פייגל־כאָר;
— אַזוי וואַרט איך פון גליק דערהויבן ווערן יעדן יאָר.

און כאָטש מיר דאַכט, עס רופט די ווייט מיך ערגעץ וואו אהין,
גאַרדינען פון מיין אויפטאָג דאָרט צו עפענען פאַר מיר;
— נו, גיי איך, מעג איך טרעפן אויך אַ צוגעמאַכטע טיר.

שאָסייען

שאָסייען לאַנגע וויקלען אויף זיך פאַר מיין בליק.
אויף זיי פון ווייטן שיינט אַ נייער טאָג אַהער;
דאָס לעבן הינטער זיי באַפּרילינגט זיך נאָך מער,
און וועבט ווי אויף אַ קאַנווע פאַרביק פרייד און גליק.

פון הינטן דעקט דער מערב איבער מיינע טעג,
וואָס גייען צו דער אייביקייט צוריק פון מיר,
און לאָזן איבער שאָטנס טאַנצן פאַר מיין טיר
— געוועבן פון די נעכטנס אויף מיין מיטן וועג.

צעשייד איך זיך פון נעכטן, יעדן אין דער פרי,
לאָז צו דער נאַכט דעם צער פון ניט־דערגרייכטן ציל,
און גיי דאָס ליכט אַנטקעגן, וואָס צעגיסט זיך שטיל.

נאָר וויפיל מאָל איך צייל די טעג מיט פיין פון מי,
ווערט ווייטער פון מיין בליק נאָך פון פאַרטאָג דער ראַנד
— צום שליאַך פון רעגנבויגן, צו דעם ווייטן לאַנד.

נאַכט

עס פרעסט די נאַכט איצט שעה'ען ליכט פון לאָמפּן אין דער שטאָט,
און ווערט אַלץ פון עלעקטרישע פייערן נישט זאַט.
די שעה'ען שאַרן זיך דורך גאַסן שלעפעריק און מאַט,
און ציען מיט די שפּעטקייט אויף די וועגן טראָט נאָך טראָט.

דאָס שווייגן פון דער רו שוועבט פון די ווינקלען שטיל אַרויס,
צעהענגט זיך איבער ווענט פון הייזער פּאַר לאַמטערן שיין.
און ברעקלדיקע טומלען שווימען ערגעץ ווייט אַריין,
און נעמען מיט דעם אומרו פון דעם גאַסנדיק גערויש.

אויף טראָטואַרן שפּילן שאָטנס אין אַ שפּיל מיט נאַכט,
און טאַנצן, וואָס זיי ווערן ניט פון רעדער בראַזג געשטערט,
נאָר אָפּגעהיט פון ליכטיקייט, וואָס ליגט זיך אויף דער ערד.

עס שאַרט דער שלאָף זיך איבער הייזער פון דער רו באַוואַכט,
וואו שטיל עס ליגט דאָס לעבן פון דעם יאָגעניש באַזיגט,
און חלום'ט איבער טעג און נעכט, פון מידקייט איינגעוויגט.

ביינאַכט אין אַ פרעמדער שטאָט

די נאַכט האָט זיך צעברעקלט איבער ווענט, מיט קלאַנגען פון מוזיק,
און אָפּגעשלאָגן אין דער הוילער גאַס, מיט פריילאַכקייט פון טאַנץ.
פון פענצטער האָט פון ליכט אַרויסגעבליצט אויף מויערן אַ גלאַנץ,
און האָט צעוואָרפן שפּיזן פייערן פון לאָמפּן, פאַר מיין בליק.

אַ זייגער אויף אַ טורעם האָט אין לופט צעקלונגען קלאַנגען — דריי,
און אָנגעזאָגט די גאַס, זאָל שלאָפן נאָך אַזוי אין ווייכער רו.
איך האָב געציילט די טריט, וואָס האָבן מיך געפירט דורך גאַסן וואו,
פון וואַנען ס׳האָט דער עלנט זיך נאָך מיר געשאַרט מיט שלאָף פאַרביי.

איך האָב גערעדט צו זיך אַליין, און נישט געהערט מיין אייגן וואָרט,
עס האָט אַ פערד און וואָגן שוין געציילט די שפּרייזן צו דעם טאָג,
און אויסגעקוקט, דער מאָרגן זאָל זיך ווייזן איבער שטאָק אויף שטאָק.

איך האָב זיך איינגענורעט אין מיין מאַנטל און געזוכט אַן אָרט,
עס זאָל דער שלאָף מיין עלנטקייט פאַרוויגן אין אַ ווינקל שטאָט;
— נישט שלעפן הינטער זיך די מידקייט, מיט אַן אויסברוך קעגן גאָט.

שפּיל

מיט וואָס האָט ניט דאָס לעבן שוין מיט מיר אין אײַלעניש געשפּילט?
אַרויסגעשטעלט מיך אַ באַזיגטער צו דעם מערבֿ פֿון דער וועלט,
און הינטער מײַנע אויגן, האָט דער הארבסט זיך פּראָסטיקער צעהעלט,
און אַלע מאָל זײַן ווילדן אָפּשטראַל אין מײַן האַרץ אַרײַן געצילט.

איז נאָענט מיר דאָס האַרץ געוואָרן אין מײַן שווײַגן אין דער פֿרעמד,
וואו ס'הענגט פֿון גאָט דער משפּט איבער מיר פֿון ערשטן טאָג נאָך אָן,
און בין געניִיט דעם בלינדן ווילן זײַן קאַפּריז אַלץ נאָכצוטאָן,
אַז כאָטש ניט אײנמאָל ווער איך ווי פֿאַר זיך אַליין אין צער פֿאַרשעמט.

און אפֿשר האָט באַדײַט דער שטילער אומרו אין מײַן יעדן טראָט?
די פֿרעמד וואָס קומט אַנטקעגן מיר מיט ליכט, איז בלויז מיט מיר אין שפּיל,
וואָס וויל נאָר אין דעם לעבן, פּונקט ווי איך, דערשפּילן עפּעס צו אַ ציל?

זאָל זײַן דער גורל מײַנער איז דער אָנווייזונג קאַפּריז פֿון גאָט,
מײַן שטראָף, די פֿרעמד מיט בערג, וואָס ליגן אויסגעשפּרייט פֿאַר מײַנע פֿיס;
— צו וואָס זשע האָט אין מיר באַהאַלטן גאָט, גבֿורה פֿון אַ ריז?

וואונדער

מיט ליכט פון זומער־זון, מיט בלומען, פראָסט אויף שניי,
האָט מיר די וועלט געוויזן אירע וואונדער:
איעדן טאָג אַן אַנדער טייל באַזונדער,
ווי ס׳האָט דאָס לעבן זיך געקייקלט איבער זיי.

נאָך יאָרן פון דערלייכטערונג אין וואונדער־קוואַל,
האָט לענגער נאָך מיין וועג זיך אויסגעצויגן,
ווי מיט אַ ליכט־פּאַס פון אַ רעגנבויגן,
וואָס האָט געוואָרפן איבער מיר אַ שטראַל נאָך שטראַל.

און ווי עס הויבט זיך אויף פאַרטאָג, די נאַכט פון טאָל,
אַזוי דערהויב איך זיך פון צער צו הויכן,
וואו ס׳הענגט אַ הימל ניט באַפלעקט מיט רויכן.

צעליכטיקט מיר דער וועג די אויגן יעדן מאָל,
נאָך אָפּגעשטאַנענקייט צו ווייטע צילן,
וואו ס׳וואַרט אַ וועלט, מיין חלום אויסצושפּילן.

אין אויפגעברויז

איך שטיי מיט הענט אַראָפּגעלאָזטע, פאַר דעם פיינט אין אויפגעברויז,
וואָס האָט מיט כעס די רו ניט איינמאָל מיין גערודערטן־נעסט צעשטערט;
און כאַטש אַ בליק פון זיינע אויגן שניידט מיין האַרץ, ווי מיט אַ שווערד,
רייסט זיך דאָך פון מיינע ליפּן צו מיין פיינט קיין קללה ניט אַרויס.

און ווי פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, פון זיינע ניט־געקאַרגטע רייד,
פאַרדריי איך ניט מיין פּנים פון מיין שונא, אויפגעברויזט מיט פּלאַם;
און ווי אַ שיף, וואָס שיפט אַוועק זיך פון דער צווייטער אויף דעם ים,
צעגיי איך זיך מיט אים אָן שנאה, מיט מיין שאָטן אין באַגלייט.

און ווי דער ים, וואָס זאָגט ניט אויס, פאַרוואָס ער טרייבט פון זיך די רו,
אַנטפּלעק איך ניט פאַר קיינעם אין דער וועלט, וואָס טרייבט פון מיר דאָס גליק,
און פירט אַליין פאַר אַ צייט־פאַרטרייב מיט מיר אין לעבן ווילדע שטיק.

און אויב די בייזע שפּילערייען נעמען פרייד ביי מיר נאָך צו,
גייט אום אין וועג מיט מיר דער אויפקום פון מיין מאָרגן, שטיל און העל,
און לאָזט מיך ניט פאַרנורען אין אַ מקום־מקלט מיט מיין זעל.

אין וועג

פון קיינעם ניט באַדויערט, און פון קיינעם ניט דערוואַרט צוגעגאַסט,
אין פרייע טעג פון יום־טוב, צי אין טעג מיט ווילדן האַרבסט פאַרשפּרייט,
דער עלנט האָט, מיט ליבע פון אַ הונט, אויף וועגן מיך באַגלייט,
וואו ס׳האָבן אַלע ברייטע פרעמדן, פון מיין טיפן צער געשפּאַסט.

ניט איינמאָל האָט מיין האַרץ פאַרווייגט די שפּעטע נאַכט אין ווייסטע רו,
און מיט געזאַנג געבליבן בין איך מיט מיין מזל הפקר שטיין,
וואו קיינער האָט מיך ניט אין פרעמד באַמערקט, ווי בלויז די נאַכט אַליין,
און צוגעקוקט, עס קלעפּן זיך פון שלאָף די אויגן מיינע צו.

און טיילמאָל האָב איך הינטערוועגנס אין מיין שלאָף געפונען גליק;
— אין חלום האָב איך דורכגעלעבט די פרייד פון מיינס אַ קינדער־יאָר,
וואָס האָט מיר אויף דעם שפּעטער מיינע הימלען אויסגעליכטיקט קלאָר.

און ווי אַ בליץ וואָס צינדט די נאַכט און פאַלט אין רוים אַריין צוריק,
האָט אין מיין איינזאַמקייט דער אויפשטראַל זיך פאַר ווייט צעבליצט פון פריר,
און האָט באַליכטיקט ווייט אַ האָריזאָנט, וואָס האָט געוואַרט פאַר מיר.

אין געגנט פון פאַבריקן

מיין טאָג האָט היינט געפירט מיך דורך אַ פלאָנטער גאַסן אין דער שטאָט,
דורך מויערן און הייזער אויפגעשטאָקטע מיט פאַבריקן,
דורך פענצטער, וואו די זון האָט ניט געקאָנט צו זיי דערבליקן,
נאָר מאַט אַראָפּגעשיינט פון הויכן פון איר פייערדיקן ראָד.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען דורך די גאַסן צוגעדעקט מיט רויך,
און יעדע פענצטער האָט באַגריסט מיך מיט אַן אַנדער רוישן,
ווי ס'וואָלטן בעלי־בתים דאָרט געוואוסט ווער ס'גייט אין דרויסן,
און מיר אַראָפּגעשיקט „אַ פריינטלאַכן גוט־מאָרגן" פון דער הויך.

אָט ערשט ניט לאַנג, האָב איך צעטיילט זיי שטיקער פון מיין יונגען לעבן;
מיט גוטן צוגעוואָרפן טעג פון פרילינג מיינעם אין פאַבריק,
ווי ס'וואָלט מיין אייגן האַרץ געטריבן מיך צו בויען זיי דאָס גליק.

דער רויש פון די מאַשינען האָט אַ גרוס מיר פון די טעג געגעבן,
וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן איינגעקלעמט אין ווינקלען פון די ווענט;
— פון יאָרן מיינע, אָפּגעריסענע פאַר זיי מיט מיינע הענט.

מיינע הענט

וואָס האָבן מיינע הענט שוין ניט געטאָן אַלץ פאַר דער וועלט,
דאָס לעבן זאָל געוועלטיקן מיט וואונדער און מיט פרייד און מאַכט?
דער נייער דור, וואָס שטעלט זיין פוס נאָך מיר מיט אויגן אויפגעמאַכט,
זאָל מער ניט זען פאַר זיך קיין שטרויכלונגען אין וועג אַרום צעשטעלט.

און וואָס האָט מיר די וועלט געגעבן צו דעם אויפלעב פון מיין זעל,
נאָך טעג פון אַרבעט איינגעוויגט אין כוואַליעס אומרו אין מיין הויז?
דאָס לעבן האָט דאָך מיך גערופן אין דער פרייער וועלט אַרויס,
נאָר פרעמד געבליבן בין איך שטיין אַן אומבאַוועגליכער ביים שוועל.

און פונקט ווי נעכטן הערט ניט אויף דער היינט צו נאַרן מיך מיט שפּאָט,
געטריבן פון דעם דראַנג צום לעבן, צו פאַרבויען מער מיין וועג;
בין איך געבליבן שטיין מיט שווערן לאַסט אין מיינע יונגע טעג.

און איינגע׳חלומ׳ט אין מיין פרייד פון בליאונגס־צייט אין קינדער־ראָד,
ווערט אויפגעבויט פון מיינע הענט אַ נייער טעמפּל — ניט פאַר מיר;
— און בלייב מיט שטילן צער אַ פרעמדער שטיין ביי זיין פאַרמאַכטער טיר.

נאָך האַרבסטיקע מעת־לעת׳ן

נאָך האַרבסטיקע מעת־לעת׳ן אין פאַבריק ביים ראַד,
גייט אויף פאַר מיר דאָס לעבן אין קאָלירן,
און הויבט געשטאַלטיק אָן פאַרביי שעמערירן,
צעהענגענדיק פאַר מיר אַלץ, פון דער וועלט דעם סוד.

אַרומגעהילט מיט יאָרן־סודות פון דער וועלט,
וואָס הויבן אָן מיך ענגבערנדיק באַרירן:
דערנענטערן פון פיין, מיין לעבן צו וויברירן,
די מאָרגנס מיינע זאָלן קומען אויפגעהעלט.

און מיט דעם אָפּגעשיילטן טרויער פון מיין זעל,
צעפאַלט צווישן ווענט, די גרוי פון לעבן,
וואָס האָט מיר שעה׳ען האַרבסטיקע געגעבן.

און שטייענדיק ביים נייעם אָנהויב אויף דער שוועל,
אַנטפּלעקן זיך נאָך, אַלטע טעג אָן פאַרבן,
וואָס פאַלן אָפּ מיט האַרבסט אויף זיך און שטאַרבן.

אָנזאָג

(לייענענדיק מאָריס ראָזענפעלד'ן)

דו האָסט אין יונגע טעג מיר אָנגעזאָגט פון גורל וואָס עס שטייט מיר פאָר,
ווען ס'וועט דער עול פון לעבן, ווי מיין שאָטן, נאָכגיין מיינע טריט.
איך האָב אַן אַנדער וועלט דערזען פאַר זיך אין דיינס אַ ליד נאָך ליד,
וואו פרעמד איז מיר געוואָרן מיינע פרייע טעג פון קינדער־יאָר.

און ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַטראָטן פון פאַבריק די שוועל,
עס האָט דאָס רוישן פון מאַשינען — אַ גוט־מאָרגן מיר געזאָגט;
האָט מיטאַמאָל דאָס הירזשען פון געניי אויף מיר אַן אימה אָנגעיאָגט,
און ווי אַ משל האָט די פרעמד פון לעבן גלייך באַדעקט מיין זעל.

אין יענע טעג ביסטו מיר בולט'ער געוואָרן אין פאַבריק,
דיין אַרבעט־ליד האָט אויפגעלעבט אין קלאָרע פאַרבן פאַר מיין בליק,
און האָט גערעדט צו מיר ווי צו אַ פריינט מיט טיף־צעפּיינטע רייד.

דו ביסט ביי מיר געוואָרן דער קופּאָל מיט זון אַרום באַגילט,
עס האָט דיין יעדע ליד באַוויזן מיר אַן אַנדער פאַרביק בילד,
און מיט געזאַנג געמאָלן מיר פון וועלט, די ראָד פון פּיין און פרייד.

נאָכן באַנקעט

נאָך שטייט אין מיטן שטוב דער טיש באַדעקט מיט רעשטלאַך שפּייז,
דאָס ווייסע טישטוך איינגעפלעקט פון ביר און וויין,
די לאָמפּן בליצן און צעוואָרפן נאָך מיט שיין,
אויף לערע בענק און שטולן אָנגעשטעלט אויף יעדן שפּרייז.

צעגאַנגען זיינען זיך די געסט מיט יום־טוב׳דיקן דאַנק,
און מיטגענומען פון דער שמחה דאָס גערויש;
די רייד פון טאָסט נאָך טאָסט געלאָזן אין דעם הויז,
צעהאָנגען אין דער לופט פון וויין־געטראַנקען דאָס געזאַנג.

דורך טיר און פענצטער טראָגט זיך שטיל דער זשום פון הויז,
וואָס איז געבליבן אין די ווינקלען נאָך פון זיי,
פון ליבע־געזאַנגען און פון פריידיקן געשריי.

עס טראָגט פון שטוב זיך נאָך אַ בלויער רויך אין גאַס אַרויס,
און מיט דעם פּאַפּיראָסן רויך פאַרגייט דער ליב,
און לאָזט דעם טאָג אַריין אין צימער דורך אַ שויב...

צווייטע אָפּטיילונג

ניו-יאָרקער גאַסן

אינהאַלט

אין ניו־יאָרקער גאַסן — — — — — — — — — — 33
פרימאָרגן — — — — — — — — — — — — — — 34
עוועניום — — — — — — — — — — — — — — 35
זונטיק אויף בראָדוויי — — — — — — — — — — 36
וואָכעדיקע טעג — — — — — — — — — — — — 37
פינפטע עוועניו — — — — — — — — — — — — 38
בראָדוויי — — — — — — — — — — — — — — 39
ביינאַכט אויף "TIMES SQUARE" — — — — — — 40
"BOWERY" — — — — — — — — — — — — — — 41
סאָבוויים — — — — — — — — — — — — — — 42
די דריטע עוועניו — — — — — — — — — — — 43
"WALL STREET" — — — — — — — — — — — 44
אין האַפן — — — — — — — — — — — — — — 45
פאַרטאָג אויפן האַדסאָן — — — — — — — — — 46
אָרום ניו־יאָרק — — — — — — — — — — — — 47
ביינאַכט — — — — — — — — — — — — — — — 48

אין ניו-יאָרקער גאַסן

צעריסן הענגט אַ הימל, איבער גאַסן פון ניו־יאָרק,
און האַלט זיך אָנגעשפּאַרט אויף מויערן־קופּאָלן;
די זון אין נעץ פון וואָלקנס, קוקט אַראָפּ דורך שאָלן
אויף גאַסן, וואו דאָס לעבן רויעט זיך אַרום אין זאָרג.

איך האָב אויף גאַסן פון ניו־יאָרק פאַר זיך געבויט אַ היים
בין איך געבליבן נאָך געצאַמט פון פרעמדן לעבן;
דער טראָט פון צווייפל האָט מיר זעלטן רו געגעבן,
און אַלע מאָל פאַר מיר מיין טאָג צעוויקלט אַלץ געהיים.

איך האָב אויף גאַסן שטיל מיין איינזאַמקייט צעצויגן,
געלאָזן שטיקער פון מיין יוגנט אין דער פרעמד פאַרגיין,
געבליבן בלויז פאַרהילט אין טרוימען איינגעוויגט אַליין.

דער גלאַנץ פון רייכע גאַסן, האָט געבלענדט אין מיינע אויגן,
געזונגען מיר אַ ליד פון וויין און ווייב, פון גליק און זינד;
און ווילד מיך מיטגעשלעפּט, ווי אויף אַ קאַרוסעל אַ קינד.

פּרימאָרגן

מיט טורעמס און געביידעס, אויפגעשטאַקטע מיט גראַניט און שטאָל געבוי,
שטייט טורעמדיק צעשטעלט די שטאָט ווי פּאַר אַן אויסשטעלונג פון ראָג צו ראָג.
פון איבער הויכע דעכער, מיט אַ רויך באַנעפּלט, פאַלט אַראָפּ דער טאָג,
און וואַרפט אַריין אין פענצטער שטיקער הימל, ווי באַדעקט מיט מאָרגן־טוי.

מיט שטויב פון זשאַווער, קומט דער טאָג באַלעבט שוין צו געוועלטיקן מיט כח,
און שלעפּט די אומרו איבער גאַסן, בריקענדיק ווי איינגעשפּאַנט מיט פערד.
דער ווילדער עכאָ פון די רעדער הויבט זיך, ווי אַ דונער, פון דער ערד,
און פאַלט אַראָפּ פון הייזער און קופּאָלן מיט צעוואָלקנדיקן רויך.

און אויף די טראָטואַרן איילן מענטשן אין פרימאָרגנדיק געדראַנג,
ווי איבערנעמען איינער ביי דעם אַנדערן אין וועג, זיין סוד צום ציל,
ניט זעענדיק דעם שאָטן הינטער זיך, וואָס שאַרט זיך נאָך מיט סודות שטיל.

און אין די טאָלן צווישן ווענט מיט מויערן, וואָס ציען מיילן לאַנג,
צערעדלט טרייבט דאָס לעבן, די טראַמוויען און די אויטאָס אין געאייל,
ווי אַנגעטריבן פון אַ האַנט, וואָס טרייבט פאַר שפּאַס דאָס לעבן אויף אַ ווייל.

עוועניום

עס ליגן עוועניום אין גאַסן איינגעפלאַכטן מײַלן לאַנג,
און זאַפּן איין פון טאָג די זון, ווען נאַכט גייט פון דער שטאָט אַרויס;
עס ליגט פאַרזונקען אין דער ערד די רו, פאַרטריבן פון גערויש,
וואָס אויטאָס יאָגן אָן אויף וועגן מיט אַ רויך אין אייל־געדראַנג.

און ניט צעלאָזן טראָטואַרן רוען זיך פון טומל אָפּ;
צעקרישלען מענטשן מיט די פיס, דאָס שווייגן אונטער זיך אין גאַס;
— וואָס ווערן נאָכגעיאָגט פון אומרו מיט אַ ברויזעניש און כעס,
און טרעטן פון די טראָטואַרן, ערשט אַ ווייל ביינאַכט אַראָפּ.

און ווי עס ציטערט אויף דער אַספאַלט פון אַ גאַס אַ יעדער ווייל,
טראָגט פון אַ רעדער־לויפעריי אַרוים ווילד אַ גערויש אין אייל,
פון באַנען אין דער ערד, וואָס יאָגן זיך צעפלאַמט אָן טאָג באַהעלט.

מיט הענט פון אומרו, ברייט צעשמידט מיט שטאָל אין שטויביקן ווירוואַר,
האָט אויפגעבויט דער מענטש די מויערן אין שעה'ען פון געפאַר,
מיט עוועניום צעשניטן גאַסן, און מיט הייזער זיי באַשטעלט.

זונטיק אויף בראָדוויי

די רו פון זונטיק, שיינט מיט זון צעגאָסן איבער דעכער אויף בראָדוויי.
די גאַס וואָס שניידט די שטאָט אַדורך פון ים־ברעג אָן, ליגט היינט פאַרשטומט אָן רויש.
די ריזיקע געביידעס לאָזן ניט קיין אויסגעשריי פון זיך אַרויס,
ווי ס'וואָלט די פרייע רו פון פעלד און באַרג געוואוינט פון אייביק אָן אין זיי.

די ערשטע אויפצונעמען פרי, דעם גאַסט וואָס קומט צו אירע ברעגן צו,
איז מיט אַ שטאָלצן קאָפּ די וואָלוואָרט־פעסטונג, מיט איר בלישטשענדן קופּאָל,
דאָס פּעלזיק־טורעמדיקע הויז מיט זעגלען־זון אין פענצטער אָן אַ צאָל,
באַגריסט מיט פייערן פון טאָג געצונדן: — די צעשפּרייטע יום־טוב־רו.

און איבער הייזער און קופּאָלן צונויפגעפרעסט אין ווענט פון ראָג צו ראָג,
וואָס שטייען ווי די פעסטונגען, די אוצרות צו באַוואַכן פון דער גאַס;
ליגט אויסגעלייגט, ווי אָנגעשפּאַרט אויף דעכער הויך, אַ בלויער הימל־פּאַס.

פון טראָטואַרן אָפּגעקערטע פון די מענטשן פאַר אַ גאַנצן טאָג,
שיינט יום־טוב'דיק די זוניק־רו, מיט זון צעגילדט אַרויף אין בלויער הויך,
ווי ס'וואָלט די גאַס געלויבט די וועלט, וואָס האָט באַפרייט איר אויף אַ טאָג פון רויך.

וואָכעדיקע טעג

מיט שטיקער וועלטן פאַר די אויגן, און מיט פעסטע צילן אין די טריט,
איילט מיט דעם גרוי פון וואָך דאָס לעבן, אויף די טראָטוארן פון בראָדוויי.
מיט שטויב אין ווינט, צעוואָרפט דער טאָג דעם אויפגעבראויז פון שטאָטישן געשריי,
ווי ס'וואָלטן רעדער אין גאַלאָפּ אויף שטיינערדיקן ברוק, דעם טאָג געשמידט.

און ווי עס זאָל קיין רגע צייט ניט גנב'ען זיך אַרויס פון דורך אַ ראָג,
ליגט איינגעצאַמט בראָדוויי מיט טורעם־מויערן דערהויבענע צום הויך.
און איבער זיי די זון פון הימל צו פאַרדעקן — נעפּלט זיך אַ רויך,
ווי ס'וואָלט איצט דורך די קוימענס אויף די דעכער, אויסגערויכערט זיך אַ טאָג.

און נאָך דעם רויש, שרייט נאָך די גאַס דעם אומרו וואָס פאַרטרייבט דעם טאָג אָן צייט,
און לאָזט ניט צו די פענצטער פון די מויערן אַראָפּ די זון אין פּראַכט,
דאָס לעבן זאָל דאָרט שטענדיק זיין מיט גרויע שאָטנס איבער וועגט באַוואַכט.

די שעה'ען פון דעם מיטנוואָך צעלייגן זיך מיט שטויב פון טיף ביז ווייט,
דאָס לעבן זאָל דורך טאָלן־גאַסן ניט דערזען די רו וואָס שווימט פאַרביי,
און ווי פאַר'משפּט אָטעמען אין יאָגעניש פון טאָג — די לופט ווי בליי.

פיפטע עוועניו

אין מיטן פון די עוועניוס, וואָס ציען זיך ווי טאָלן דורך דער שטאָט,
ליגט פיפטע עוועניו, די גאַס וואָס טראָגט אויף זיך מיט שטאָלץ די קונסט פון פראַכט,
די מויערן צעשטעלטע ביי די קלויסטערס, שטייען ווי פון זיי באַוואַכט,
ווי ס'וואָלט דאָס לעבן פון די הייזער נעענטער געטוליעט זיך צו גאָט.

און איבער ווייטער לענג פון גאַס, וואָס ציט זיך בלענדענדיק מיט לעבן אָנגעשווערט,
ליגט אויסגעצויגן ווייט אַרויף, אַ שוואַרצער שפּיגל — דער פּאָלירטער וועג.
אויף אים, ווי קאַראַוואַנען, ציען רעכטס און לינקס די אויטאָס זיך אַוועק,
געצאַמט פון רויטע שנירן ווי פון שטייענדיקע רייטער אויף די פערד.

און פון דעם שטומען לשון, וואָס עס טראָגט זיך מיט קאָלירן אין באַפעל,
ווערט מיט אַמאָל די גאַס באַוועגונג אָפּגעשטעלט נאָך יעדע פּאָר מינוט,
ווי ס'וואָלט דער לאַנגער וועג פון שווערער משא יעדע ווייל זיך אָפּגערוט.

אויף טראָטואַרן פּלאָנטערן זיך מענטשן, ווי אויף גרויע פּאַסן פעל,
עס זאָלן ניט די טריט נאָך איבערשרייען דעם ווירוואַר פון רעדער לויף,
וואָס האַלטן פון דער פרי ביז שפּעט אין נאַכט אַריין דעם רויש פון לעבן אויף.

בראָדוויי

אָן רו צעברומט, ליגט אויסגעצויגן, מיילן לאַנג ביי עוועניוס — בראָדוויי,
די גאַס וואָס שניידט אַדורך אַ גאַסן־לאַבירינט מיט הייזער אָנגעשטעלט,
מיט קראָמען און פאַבריקן, באַנקען און קאַנטאָרן — מאַרקן פון דער וועלט,
ווי ס'וואָלט דעם האַנדל אָנגעצויגן, קינאָס און טעאַטערס צווישן זיי.

באַשטיינערט ליגט די גאַס, באַדעקט מיט אויפגעברויז פון האַנדל און געשעפט,
און לאָזט ניט צו די ברעגן אירע אויף אַ ווייל בייטאָג, די רו ניט צו;
— דער האַנדל זאָל נישט פון אַ שווייגעניש פאַרגליווערט ווערן ערגעץ וואו,
און ניט צעשטערן פון די אויטאָס, חוצפה לויפעניש מיט רויש באַהעפט.

און ווי דער אומרו פון דעם האַנדל, לויפט זיך שלאַנגנדיק בראָדוויי אַוועק,
באַרוישט פון לעבן, וואָס צעטראָגט זיך אין אַ ווילדקייט אין דער לופט מיט צוועק,
און נישטערט אויסצופילן יעדע רגע רו, מיט אומרו פון דער גאַס.

און איבער די צערייצטע אויטאָס, הויבט זיך אויף פון געזאָלין אַ רויך,
דערהויבט זיך איבער הייזער, מיט אַ בלויען ווינט־געשריי צעשטויבט אין הויך,
ווי צו פאַרשטעלן מיט די רויכן־בערג, בייטאָג די זון אין הימל־פּאַס...

ביינאַכט אויף
“TIMES SQUARE”

אַ ברייטע גאַס צעצווייגט מיט לאַנגע וועגן ביי בראָדוויי,
ליגט ווי אַ באַנהויף „טיימס סקווער“, ברילנדיק מיט שטאָל־געשמידט ;
און איבער וועגט פון הייזער, מאַניען פייערלאַך צעגליט,
ווי ס׳וואָלטן אויגן צו דער גאַס געוואונקען מיט געשריי.

צעהענגט די נאַכט פאַרשייט די פייער־אויסרופן אויף ווענט,
אין קאַבאַרעטן און טעאַטערס ווילדעוועט די פרייד,
דאָס לעבן צו פאַרשפּילן אויף אַ ווייל נאָך שעה׳ען לייד,
די יוגנט צו פאַר׳שיכור׳ן אין ווייכע פרויען־הענט.

וואָס נעענטער עס רוקן זיך די זייגער־ווייזערס צו דער שעה פון אכט,
ווערט פון עלעקטרישע בליאַסקן פאַרביקער די נאַכט,
נאָך בליציקער אויף ווענט, די שטומע רופנדיקע רייד.

און ווי דער אומגעדולד פון אויטאָס אויף דעם וועג געדראַנג,
באַלאַגערן די גאַסן, מענטשן דאָ פון יעדן ראַנג,
וואָס קומען אָן פון ווינקלען שטאָט, איצט גיריקע נאָך פרייד.

"BOWERY"

א גאַס — די באַוערי, מיט הייזער אַלטע נאָך צעשטעלט.
מיט שטויב פון יאָרן צוגעדעקט אויף ציגל־ווענט;
פון זומערן צעברוינטע, און פון היצן אָפּגעברענט,
מיט רויך באַוואַקסן איבער אומעט פון דער וועלט.

דורך טאָג און נאַכט, עס לויפן באַנען אויף א בריק דורך זיי,
און וואַרפן אין די פענצטער בייזקייט נאָר אַריין;
און אונטן אויף ברוקירטן וועג, באַדעקט מיט קאַרגען שיין,
צעפלאָנטערט זיך דער עלנט אין דעם ווירבלדיק געדריי.

אין ווינקלען פון דער גאַס, ביי קאָרידאָרן אויף די טרעפּ,
פון נויט פאַרפאָלגט, עס זיצן „טרעמפּס" געבויגן מיט די קעפּ,
און קוקן, ווי די הייזער, אָפּגעשיילט פון גלאַנץ און פרייד.

דער האַרבסט פון לעבן, קוקט אַרויס פון אויג און בליק פאַרצערט,
פון היימען, וואָס דער גורל האָט אין פריען יוגנט זיי צעשטערט,
און פון דער קייט פון האָב און גוטס אויף הפקר אָפּגעקייט.

„סאָבווייס“

אין לאַנגע טיפענישן, אונטער שטיין־ברוקירטע גאַסן אין ניו־יאָרק;
טונעלן, ווי אַלייען אויפגעצווייגט מיט בוימער — שטאָל ביז טיפער ווייט.
און אין דעם פינצטערן געפלאָנטער לויפן באַנען, אָן אַ רגע צייט,
ווי ס'וואָלט זיי ווער אַרומגעטריבן, זוכן שעה'ען ערגעץ נאָך אויף באָרג.

און מיט גבורה ווילד צעסאָפּעט, לויפן זיי אויף רעלסן אין געיעג,
באַשפּריצנדיק די פינצטערניש מיט פונקען פון עלעקטרישן פלאַם,
וואו ס'רעדערן מיט דונער־בליץ אויף זיי די רעדער אין געאייל אָן צאַם,
און בלענדן מיט וואַגאָנען מענטשן איינגעצאַמט אין קאַסטנס, ווי אין שטעג.

לויפט באַן נאָך באַן מיט רוישעניש פון ווינקלען־שטאָט מיט לעבנס אָנגעשוווערט,
און שלענגלט זיך מיט זיי, ווי פאַר דער פינצטערניש אַ שפּילציַיג אין געאייל,
פאַרטרייבנדיק פון זיך מיט אויגן־בליצן אין טונעלן — מייל נאָך מייל.

און איידער ס'לויפט דער דונער־בריל אין גאַס אַרויס דורך לעכער פון דער ערד,
לויפט אָן אויף ס'ניי, צעוויכערט פון אַ נייער באַן, אָן אויפברויז נאָך צעווילדט,
און לאָזט דורך טאָג און נאַכט ניט ווערן פון געיעג טונעלן איינגעשטילט.

די דריטע עוועניו

די דריטע עוועניו, וואָס לויפט זיך צווישן גאַסן אויף מאַנהעטנ'ס דעק,
האָט גאָט באַשטראָפט מיט זשאַווער לופט, אפילו אין די העלסטע טעג פון יאָר,
פון וואַנען ס'איז דאָך שווער צו זען אַמאָל, צי איז דער הימל אויבן קלאָר,
ווייל ס'טראָגט פאַרביי דאָס רעדערדיק געוויש פון באַנען, ווינטן שטויב פון וועג.

און אויף די גאַסן, וואו עס שטייען בריקן פאַר די באַנען צום געלויף,
און ציען זיך ווי שמאָלע, לאַנגע דעכער אין דער גרויער ווייט אַראָפּ;
שטייט הויז בײַ הויז אויף ביידע זייטן און זיי לאָזן זיך פון ריי ניט אָפּ,
ווי ס'וואָלט דער גאָט פון שטאָל צוזאַמען זיי געשמידט פון הינטן ביז אַרויף.

און פענצטער קעגן פענצטער, קוקן איינס דאָס אַנדערע באַטויבט זיך אָן;
ווי הונגעריקע וואָלטן זיי געשלונגען פון די באַנען — דאָס געוויש,
און מיט געבייזער פון די שטיבער, דאָס געיאָגט צוריק אין גאַס אַרויס.

טראָגט אום זיך פון די באַנען, דער געשריי און וואַרפט אויף גאַסן שרעקן אָן,
צעווייענדיק מיט רויש אין לופט, דעם שטויב פון שטיין און שטאָל פון פרי ביז שפּעט;
— ווי ס'וואָלט מיט בייטשן בייז געטריבן דעם געווירבל פון דער שטאָט — אַ שד.

"WALL STREET"

א מויער ביי א מויער אויפגעשטאַלט פון נידער ביז אין הויך מיט שטאָקן,
אין רייען שטייען איינגעפּעלזטע אין א שמאָלן גאַסיקן געדריי,
פון וואַנען ס'זעט זיך קוים בייטאָג די רואיקייט פון הימל אָן דורך זיי,
וואו ס'רייסן זיך אַרויף צעברעקלטיקע טומלען פון אָרום די ראָגן.

מיט שורות ציפערן צעשטעלטע פון די אוצרות פאַר דעם גלאַנץ פון אויגן,
און נאָך די כשוף־קלאַנגען פון מטבעות בליצנדיק פון גאָלד צעגליט;
צעוויקלט זיך מיט מאַכט, דאָס לעבן יעדן אינדערפרי מיט ציל אין טריט,
און ווערט אין לאַבירינט פון טירן, פאַר עשירות ווילד ארייננעצויגן.

און איבער שטאָק אויף שטאָק אזוי אין קאַמערן פון זיך אליין געפאַנגען,
צעפלאַנעוועט דאָס לעבן זיך נאָך גיריקער פאַר רענדלעך מער,
עס זאָל דער וועג צום גאַלאָפּירן נאָך דעם ציל ניט זיין צו שווער.

און ווי די זאַמדן אין טאָרנאַדן, וויכערן אין „וואָל סטריט" די געדאַנקען,
נאָך שטיקער וועלטן איינצוזאַמען אין די לייצעס פון דעם מאַרק,
צעשטייגן איבער זיי מיט קאַסעס, — שניידן אוצרות באַרג נאָך באַרג.

אין האַפן

עס שניידט אַ שיף דאָס וואַסער, און דערנענט זיך צום ברעג,
און סאַפּעט אויס די מידקייט דורך דעם רויך פון קוימען;
דאָס וואַסער פון דעם טייך אַרום די זייטן, שוימען,
און לאַשצען זי און לאַדן איר צו אַנקערן פון שווערן וועג.

עס קומען שיפן דאָ אין האַפן פון אַרום דער וועלט,
און בלייבן שטיין פאַרמאַטערטע אין אָט דעם צענטער;
עס ברענגט דער מענטש אַ גרוס אַהער פון ווייטע לענדער,
און ווערט דאָ ווי אַ שתדלן פאַר זיין לאַנד אַרויסגעשטעלט.

ס'ברענגט יעדע שיף אַהער דעם אָטעם פון די צייטן,
די וואָרצלען פון עשירות לאָזן פאַר געבורט פון גליק —
דאָס היגע לאַנד זאָל געבן איר אויך שפע אויף צוריק.

ס'ברענגט יעדע שיף מיט זיך נאָך אוצרות פון די ווייטן,
צעשיקט חלקים פון די פרעמדן אין די ווינקלען לאַנד;
דער פאָלק פון לעבן, זאָל אָן אויפהער קלאַפן נאָכאַנאַנד.

פּאַרטאָג אויפֿן האָדסאָן

צוויי רייען בערג מיט וועלדער אויפֿגעטורעמטע אויף זיי,
געקייטע ליגן אויף די ברעגן ביי דעם בלויען טייך;
און איבער זיי דער רייפער זומער, בלענד צעבליצט אין רייך,
און שפּיגלט זיך אין טייך, וואָס כוואַליעט זיך אין אַ געדריי.

עס לאָזט אַרונטער זיך די זון אויף שפּיצן בערג צעגליט,
באַגלייט מיט זיילן פייער איבער פליגל פון דער נאַכט;
פון הינטער זייד־גאַרדינען, קומט דער טאָג מיט זון באַוואַכט,
און וועקט די פייגל צום געזאַנג מיט נייעם מאָרגן־ליד.

צעשפּיגלט זיך דער האָדסאָן פון דעם אויפגלי פון די בערג,
וואָס שטייען שטום, ווי מאָנומענטן נאָך אַן אַלטער צייט,
ווען ס׳האָבן נאָך אינדיאַנער מיט דער וועלט געלעבט פון ווייט.

און צום באַוואונדערן דאָס מיילן־לאַנגע באַרגן־ווערק;
— דעם בלויען וואַסער־טאָל, וואָס שלענגלט זיך מיט זון אַוועק,
שווימט אָן פון שטאָט אַ שיף מיט גרוסן פון צעשטויבטע טעג.

אַרום ניו־יאָרק

באַלאַגערט שטייט ניו־יאָרק פון בערג אויף בערג, ווי פעסטונגען צעשטעלט,
די פעלדער דורכגעשניטן פריי מיט טייכן און אַרום באַוואַלד ;
אין א געוועב פון שליאַכן האַלטן זיי די וועגן אין באַהאַלט,
עס זאָל דער שטאָט געפילדער ניט דערגרייכן צו דער רו פון וועלט.

די פעלדער זאָלן ניט מיט שטאָל פון ניו־יאָרק ווערן איינגעפלעקט,
מיט הייזער העכער ווי די בערג, באַפורימען וועגן מייל נאָך מייל ;
מיט זשאַווער אין דער ערד צעפרעסן וואָרצלען ביז אין טיפסטן הייל,
עס זאָל מיט שטיינער יעדער שפור פון גרין ניט ווערן צוגעדעקט.

האַלט אויפגעבערגט אויף זיך אַרום די ערד באַפעלזטע בערג געקייט,
און שטייען ווי גבורים ניט צוריק צו טרעטן פאַר קיין מאַכט,
מעג פון דער שטאָט דער גייסט ניט ווערן איינמאָל דאָרט אַראָפגעבראַכט.

מיט דורות יאָרן שטייען זיי, מיט וועלדער אויף זיך אויסגעשפרייט,
די פעלדער ליגן טאָליק פון דער זון באַפאַרבט און פריי צעגלידט,
און ווערן פאַר ניו־יאָרק׳ס א שפּרייז, געקייט פון בערג און אָפּגעהיט.

ביינאַכט

עס בלענדן שטערן איבער ברייטע גאַסן פון ניו־יאָרק.
און שפּיזלען דורך אין קופּער־רוים די פינצטערניש פאַר ווייט.
עלעקטרישע פייערן צעצינדן — נייע צייט,
און דעקן אונטן צו מיט פאַרבן וואַכעדיקע זאָרג.

באַדעקט מיט שטיקער רוישנדיקע גאַסן פון דער נאַכט,
פלעכט איין מיין בליק זיך אין די שטערן־פעדים איבער מיר,
דערהויבן מיך אין הויכן מיט שעמערירנדיק באַריר,
וואו שטיקער נעכטנס פון מיין לעבן ווערן אויפגעמאַכט.

און ווי עס גייט אַ שיף פאַרביי די אינזלען אויף דעם ים,
און לאָזט נאָך זיך אויף כוואַליעס איבער, קנוילן רויך אין שוים,
— אַזוי גייט אויף פאַר מיר די וועלט פון נעכטן אין מיין טרוים.

איז גוט צו קוקן אויף די שטערן, אויף אַ יעדן פלאַם,
די טעג פון מאָרגן קומען אָן אַנטקעגן אין געדאַנק,
און וועקן קלאַנגען טיף אין מיר, פאַר יום־טוב'דיק געזאַנג.

דריטע אָפּטיילונג

מאָרגנס

אינהאַלט

אויפבוי — — — — — — — — — — — — — — 51

מיט יום־טוב אין הארץ — — — — — — — — — — — 52

אַנזאַג — — — — — — — — — — — — — — — 53

אויפלעבונג — — — — — — — — — — — — — — 54

פון אַן אַנהויב — — — — — — — — — — — — — 55

אַ רעגנבויגן — — — — — — — — — — — — — — 56

דערוואַרטונג — — — — — — — — — — — — — 57

פרימאָרגנס — — — — — — — — — — — — — — 58

לעבן — — — — — — — — — — — — — — — 59

דער קלאַנג פון מאַי — — — — — — — — — — — 60

אין ערשטן מאַי — — — — — — — — — — — — 61

נעבעטיקער וועג — — — — — — — — — — — — 62

מיט דיר I — — — — — — — — — — — — — 63

באַוואַכט פון דיין בליק II — — — — — — — — — 64

אויפבוי

פון חורבות בין איך אָנגעקומען צו דעם אויפבוי פון דער וועלט;
דער אונטערגאַנג פון נעכטן, האָט מיך היינט אויפסניי געבוירן,
איך זאָל נישט אין דערגרייכונג צו דעם מאָרגן גיין פאַרלוירן,
עס זאָל נישט ווערן פאַר מיין אויפקום נאָך אַ מאָל מיין וועג פאַרשטעלט.

צעוואָרף איך פאַר מיין טראָט דאָס אַלטע, און פאַרלאָז דאָס הינטער מיר,
מיט טריט נישט נאָכגעציילטע, זוכט מיין בליק אין ווייט צו גרייכן;
— נו, מעגן נאָכאַמאָל פאַר מיינע פיס פון אומקום שאָטנס שלייכן,
די ווייט פאַרנעפּלען, און מיט ווענט פאַרשטעלן צו דער פרייד די טיר.

פון טאָג צו טאָג ווער איך באַזעלט פון נייעם אויפטאָן פון געדאַנק,
דערהויבן איבער גרויקייט פון דער וואָך פון שטאָליקן געקלאַנג,
געלייטערט מיין נשמה פון די שרעק פון נעכטיקער געפאַר.

צעזינג איך זיך פון יום־טוב, פון מיין אייגן איבערבוי צום זיג,
כאָטש הינטער מיר עס לויערט נאָך געהיים דער שאָטן פון דעם קריג,
און וויל פאַרטיליקן דאָס לעבן נאָך אַמאָל אין בלוט און צער.

מיט יום-טוב אין האַרץ

דער טאָג וואָס קומט מיט ליכט אַנטקעגן מיר אין יעדן אינדערפרי,
איך זאָל ווי נעכטן איבער'חזר'ן מיין לעבן פון דאָס ניי,
ברענגט מיט אַ גרוס מיר פון אַ וועלט, וואו טאָג באַהעלט די נאַכט שוין פריי,
און הערט ניט פאַר דעם לעבן אויף צו קאַרגן די דערהויבנדיקע מי.

ווערט אָפּגעקייטלט נאָך אַמאָל די קייט פון ניט-געלעבטע טעג,
וואָס האָבן איבער מיר געשיינט, און קיינמאָל ניט באַהעלט מיין טאָג;
דאָס ביסל פרייד אין לעבן מיינעם, ווי געוואויגן אויף אַ וואָג,
און צונעטיילט מיר זעלטן און מיט קנאה אויף מיין שווערסטן וועג.

גייט אויף פאַר מיינע אויגן נאָך אַמאָל דער מאָרגן אין זיין פּלאַם,
וואָס האָט אין אומרו פון דער וועלט, ווי מיט שליחות מיך געבראַכט;
— דאָס לעבן זאָל פאַר מיר ניט האַלטן זיינע אוצרות צוגעמאַכט.

און ווי די שיף, וואָס גייט בייטאָג דער זון אַנטקעגן אויף דעם ים,
גיי איך, פון טאָג געפירט, מיט טריט ניט-נאָכגעציילטע אין דער ווייט,
און טראָג אין האַרץ ביי מיר די פרייד פון אויפקום פון דער נייער צייט.

אָנזאָג

מיט אויפגעטאָגטן שפּרייז, דעם אויסגע'חלומ'טן אין שווערע נעכט,
האָט מיטאַמאָל דאָס לעבן פון דער ערד אַרויסגעשטעלט זיין טראָט.
צעבראָכן הינטער זיך די לוחות פון זיין איינגערעדטן גאָט,
און אונטער פּרילינג־הימלען, אָפּגעקייט די צאָמען פון די קנעכט.

עס האָט דער אָפּקלאַנג פון די שפּרייזן דורכגעשניטן טיפער ווייט,
אַדורכגעשפּרייזט מיט זון אין בליק, אַנטקעגן וועגן פון דער וועלט.
און אומעטום אין וועג אַ מאָנומענט פון דעם פאַרבייגיין אויפגעשטעלט,
און וואָרצלען אין די טיפן, דורכגעוואָרימט מיט דער נייער צייט.

און ווי דער וואַסערפאַל, וואָס שניידט זיך דורך אין בערגיקן געדריי,
געטריבן פון דעם אייגענעם וויברירן פון זיין יעדן צוים,
האָט פון דער נויט דאָס לעבן זיך געריסן צו דעם ליכט אין רוים.

און נאָך די שפּורן פון דעם אויפבליץ, טראָגט זיך דורך אַן אויסגעשריי,
פון מחנות קנעכט פון אונטער שיכטן אויפגעפּלאַצטער ערד:
— „מיר האָבן פון די גרונטן צו דער פריי דאָס פינצטערניש צעשטערט!“

אויפלעבונג

מיט אויגן דורשטיקע נאָך מאָרגנדיקן נייעם טאָג,
צעבליק איך זיך ביינאַכט אויף טיפע הויכן איבער מיר,
און מאָל זיך אויס אַ קלאָרע בילד אין ליכטיקן קאָליר,
דאָס לעבן זאָל ניט וועגן מיינע מעשים אויף אַ וואָג.

פאַרמעק איך אין זכרון יעדן אָפגעשפילטן טאַנץ,
צעוואַרף דעם בנין וואָס דער נעכטן האָט מיר אויפגעבויט,
וואו אויסגעהאַמערט האָב איך שווערע שעה'ען פאַר מיין ברויט,
געוואָרט עס זאָל דאָס לעבן טאָן פאַר מיר אַמאָל אַ גלאַנץ.

און וויפיל מאָל איך זאָל ניט זען דעם אמת פון מיין וועלט,
די שווערע וועגן צו דעם אויפטאָג פון מיין פרייד און גליק,
באַפאַלט ניט מיך קיין פחד, איך זאָל גיין שוין אויף צוריק.

ווייל אונטער יעדער נאַכט, זע איך ווי טאָג ווערט אויפגעהעלט,
די זון צערייסט די כמאַרעס פאַר דעם מאָרגן פון דאָס ניי;
דאָס לעבן זאָל זיך זען מיט אימפעט צו באַוועגן פריי.

פון אַן אָנהויב

מיט פיס ניט אָפּגעשטאַנענע אין וועג פון מידקייט, צו מיין ציל,
פאַרנעם איך איצט זיך מיט גבורה צו אַן אָנהויב פון דאָס ניי,
און גיי, מיט אויפגלי אין מיין האַרץ, דעם וואַלד פון מיינע טעג פאַרביי,
מעג נאָך אַ מאָל די פיין אין נעץ אַריין מיך פאַנגען פאַר אַ שפּיל.

מיט אויגן פרילינגען, און אויסגעוואַשענע מיט מאָרגן־טוי,
צעבליק איך זיך דורך נעפּלען אין די טיפע ווייטקייטן אַריין,
און ווער ניט אָפּגענאַרט פון טרוימען אויסגעליכטיקטע אין שיין,
אין שעה'ען, ווען דער אומעט קומט צו־גאַסט מיר פון פאַרנאַכטיק גרוי.

און כאָטש ניט איינמאָל האָט דער טאָג פון מיינס אַ חלום זיך צעלאַכט,
געשמידט מיר ווי אַ שמיד, די הענט און פיס אין קייטיקן געפאַנג,
און ווי אַ לייב געהאַלטן מיין נשמה איינגעשלאָסן לאַנג: —

האָט דאָך דער רוף צו זען די וועלט פון איבערבוי, אין מיר דערוואַכט,
און ווי דער ים, וואָס רייסט אַרוים זיך מיט אַן אויפברויז אויף דעם ברעג,
האָט דורך די נעכט פון זעאונגען געריסן זיך מיין האַרץ אַוועק.

אַ רעגנבויגן

אין הימל איבער מיר איז אויפגעגאַנגען היינט אַ רעגנבויגן,
די בערג אויף גרינע פעלדער אין דער ווייט אין גלוט צעבלענדט;
אַרויסגעלאָזט דאָס לעבן פון אָרום פאַרמאַכטע ווענט,
מיט טוי פון אויפגאַנג אויסגעוואַשן זיי דעם אומעט פון די אויגן.

די זון האָט אויפגעהויבן פון דער ערד צוריק אַרויף דעם רעגן,
די וואָלקנס אויך פאַרטראָגן אין דעם מיילן־ווייטן הויך;
פון שפּיצן פעלזן האָט צערויטלט זיך אַ קופּער־רויך,
און אָנגעצונדן, ווי מיט שפּיזן, גאָלדיק מיינע ווייטע וועגן.

די זון האָט צוגעדעקט ווי מיט וואָלן פעלדער זאַנגען,
באַהאַנגען זיי מיט דימענטלאַך צו שיינען פון דער ערד;
— איך זאָל דערזען אַצינד אין זייער גלאַנץ פאַר מיר דעם ווערט.

דער נעכטן האָט אין מיין נשמה אָנגעהויבן צאַנקען,
דאָס ליכט האָט זיך באַזעצט אין יעדן ווינקל פון מיין זעל,
און אָפּגעמעקט פון אונטערגאַנג דעם שאָטן ביי מיין שוועל.

דערוואַכונג

עס טראָגט דער ווינט אַרום אין לופט אַן אָנזאָג אויף געזאַנג אין וואַלד;
אַ שבועה פון דער זון, וואָס קומט די ערד פון ווינטער מאַכן פריי,
און וואַלד און פעלד צעבליען מיט דער פעטער פאַרביקייט פון מאַי,
וואו שטיפעריש וועט פלאַטערן דאָס לעבן, פון דעם טאָג באַשטראַלט.

און איינצואָטעמען די פרישקייט פון דער אויפגעוואַכטער ערד,
און דאָס עשירות פון דעם אויפבליִ צו באַוואונדערן אין פעלד;
וועט קומען קו און קאַלב אַרויס פון שטאַל, מיט צאַמען ניט פאַרשטעלט
און וועלן מיט דעם פעלד זיך חבר'ן, פון קיינעם נישט געשטערט.

מיט ליכטיקייט אויף פּנים'ער, צעשפּילט מיט גאָלד פון מאָרגן־רויט,
וועט פּויער נאָך אַ פּויער גיין, מיט אַקער־אייזנס אין די הענט,
אַרויס אין פעלד, פון פערד באַגלייט — מיט אויגן־לויב צום ווייט געווענדט.

מיט ברכות וועט דער פּויער גרייטן, פריידיק פאַר דער וועלט דאָס ברויט;
— די זעט זאָל ווייטער נאָך וויברירן מער דאָס לעבן און איר שפּיל;
— די וועלט זאָל רעש'ן זיך אין ליכט, און קיינמאָל נישט פאַרבלייבן שטיל.

פרימאָרגנס

מיט אויפגלי פון פרימאָרגנס טיף אין מיינע אויגן,
צעבליק איך זיך מיט פרייד, באַגינען אַף דער וועלט.
און ווידער ווערט פאַר מיר דאָס לעבן פאַרגעשטעלט,
און נאָך אַ מאָל די צייט, דורך טעג צום ווייט געצויגן.

פאַרגייען שווערע טעג אין הינטערגרונט פון יאָרן,
מיט שאָטנס פון געראַנגל איבער מיר אין הויך,
און ווערן אויפגעלייזט ווי אין אַ ווינט — אַ רויך,
דער נעכטן זאָל ניט וועקן, צער אין מיין זכרון.

אַנטקעגן מיינע טריט גייט אויף דער פרישער מאָרגן.
די זון וואָס שיינט נאָך איבער מיר פון יוגנט אַן,
האָט היינט מיר מערער נאָך פון אומעט אויסגעטאָן.

זוכט נאָך אַ מאָל דאָס לעבן, עלנט צו פאַרבאָרגן,
מיט פרילינגען פאַרדעקן אין מיין האַרץ די פיין,
צעוויקלען מיר דעם וועג צום זיגנדיקן שיין.

לעבן

צו אַלעם בין איך אָנגעקומען אומבאַקאַנט,
פון לעבן איבערנעמען אַלע זײַטן,
און זײַ ווי מײַנע אויגן אָפּצוהיטן,
פון יאָר צו יאָר, אויף וועג און שטעג, פון לאַנד צו לאַנד.

און ווי עס צינדן זיך די שטערן אָן בײַנאַכט,
באַשפּריצנדיק דאָס פֿינצטערניש אין הימל; —
אַזוי האָב איך געזען מײַן וועלט אין דרימל,
אין טעג און נעכט, וואָס האָבן פֿרייד פֿאַר מיר געבראַכט.

נאָך יאָרן אָפּגעוואָרפֿענע אין הינטערגרונט,
צעכוואַליעט זיך נאָך מער פֿאַר מיר דאָס לעבן,
און זאָגט מיר צו נאָך פֿרייד פֿאַר צער צו געבן.

און ווי עס וואַרט אַ באַרג צו ווערן פֿרײַ באַזונט,
באַדעקט מיט מאָרגן־גאָלד פֿון הויך ביז נידער;
— אַזוי אָט שטיי איך פֿאַר דעם לעבן ווידער.

דער קלאַנג פון מאַי

דער נעכטן האָט אין בילדער אויסגעמאָלן מיר דעם מאַי,
באַזונגען אין אַ ליד דעם טאָג, וואָס קומט מיט יום־טוב אָן,
ווען פלאַטערן מיט שטאָלץ וועט איבער אונזער קאָפּ אַ פאָן,
און אונטער זיינע פליגלען וועט אַ לעבן אויפגיין פריי.

און יום־טוב׳דיק האָב איך דורך נעכט דערוואַרט דעם גרויסן טאָג,
כאָטש כ׳האָב נאָך ניט געוואוסט דעם זין פון לעבן אויף דער וועלט;
— געדענקט האָב איך, די שטוב ביי אונז דאַרף זיין פון טאָג פאַרשטעלט,
און איבער אונז זאָל שטיין אַ מויער הויך מיט שטאָק אויף שטאָק.

און ווען דער טאָג געקומען איז אָן פייפן פון פאַבריק,
די זון איז פלאַמיק אויפגעגאַנגען, נישט פאַרשטעלט פון רויך;
— האָב איך דערזען אַ פאָן אַ רויטע פלאַטערן אין הויך.

איר פלאַמענדיק קאָליר האָט מיר צעגליט מיין קינדער־בליק,
וואָס האָט געריסן זיך נאָך עכאָס פון אַ ניי געזאַנג,
און טיף אין האַרץ געלאָזן מיר אַ שפּור פון יום־טוב קלאַנג.

אין ערשטן מאַי

עס האָט דער טאָג געבוירן היינט אַ יום־טוב אויף דער גאַס,
און ניט צערעדלט אין פרימאָרגן אין פאַבריק קיין ראָד;
די זון האָט צוגעדעקט מיט פרייד די הייזער פון דער שטאָט,
און אויפגעלויכטן וואו זי האָט געשיינט אין ווינקלען בלאַס.

דער שטאָל־געקלאַנג פון ראָד, איז אין פאַבריקן אָפּגעשטעלט,
און הילפלאָז קוקט דער מאָרגן אָן דעם ארבעטער'ס באַשאַף.
עס האַלט די וואָג פון דעם רעגירער'ס לעבן היינט דער שקלאַף,
און טיף אין הארצן טוט אַ ציטער שטיל די אַלטע וועלט.

און ווי עס רייסט זיך פון דער ערד ארויס צום ליכט דאָס גרין,
און וויל דעם וועלק פון נעכטן שוין פאַרדעקן היינט מיט צוויט;
— גייט אויף פון קעלערן פאַר אַלעם איצט דאָס נייע ליד.

עס גייט פאַרביי דער נעכטן שטיל אין חורבות אָן אַ זין,
צעגייט ווי אויף דעם ים אַן אייז־באַרג פאַר דער זון פון פרי,
וואָס שיילט די נאַכט ארונטער פון דעם מאָרגן אין איר גלי.

נעכטיקער וועג

דער וועג פון נעכטן האָט אַ ווילדער זיך געשלענגלט לאַנג,
און שווער געוועזן איז מיר פון אים צום היינט אַרויסצוגיין.
עס האָט מיין בליק אויף אים אַ גרענעצלאָזן וויסט געזען
מיט ווייטע מיילן שפּרייטן זיך פאַר מיינע פיס אין גאַנג.

און כאָטש איך האָב דעם וועג אַמאָל אין אַנגסט מיט בלוט באַפּלעקט,
האָט דאָך מיין האַרץ געריסן זיך פאַראויס דורך זיין געפאַר:
געשטאַלט די מידע פיס פון שלעפּן זיי באַהעפט מיט צער,
מיט אויגן מאַטע ניט דערשלאָפענע — צום ווייט געשטרעקט.

עס האָט די יונגקייט מיך געטראָגן, פריי און אומערמידט,
איך האָב געזאָנג צעהאַנגען און באַדעקט די וויסט מיט טריט,
און דורכגעבויערט טיפע פרעמדן און געשניטן וועג;

ביז כ׳האָב דערזען אויף זיך דאָס פרישע ליכטיקייט פון ווייט,
און האָב דערפילט אין מיר דעם גבור פון אַ גרויסער צייט,
וואָס פלאַכט אויס גריבער שליאַכן צו אַ וועלט פון נייע טעג.

אסתר מלכה'ן

מיט דיר

I

דו גיסט פון דיינע טעג די שעה'ען מיר מיט פרייד אוועק,
גייסט נאָך מיט אייגן ווילן, טראָט נאָך טראָט אויף מיינע וועגן,
וואָס ליכטיקן פון הינטער בערג צו מיר מיט זון אנטקעגן,
און זאָגן צו פאַר מאָרגנס, יום־טוב פאַר די נייע טעג.

דאָס לעבן האָט געבראַכט אהער מיך אין איין צייט מיט דיר,
דער וועג דורך מיינע יאָרן, זאָל מיר ליכטיקן די ווייטן,
עס זאָלן דיינע רייד פאַרווישן שאָטנס פון פאַרצייטן,
דעם עלנט פון די נעכטנס, היינט פאַרטרייבן פון מיין טיר.

און וויפיל טעג איך זאָל ניט לאָזן אין דעם וואַלד פון יאָרן,
מיט גלויבן גייסטו מיט, באַגלייט פון טאָגן, צו מיין ציל,
און צינדסט מיט פייער פון דיין הארץ די אויגן אַז מיר שטיל.

איך זאָל די אוצרות פון דער וועלט פאַרקלייבן אין זכרון,
און גיין מיט דיר אַנטקעגן סודות ביז דעם ווייטסטן טיף,
מיט ליכט פון מאָרגנס שניידן פרעמדן, ווי אויף ים — א שיף.

באַוואַכט פון בליק

II

איך גיי אויף מיינע וועגן, פון דיין בליק באַוואַכט,
די אַפּלייכטונג פון דיין געדאַנק צעהעלט די ווייט;
צעשאַרן זיך גאַרדינען פון אַ נייער צייט,
און ברייטער ווערט די טיר פון אויפלעב אויפגעמאַכט.

גייט טאָג נאָך טאָג פאַר מיר אין חלומ'ען פאַרביי
און בילד נאָך בילד מאַכט רייכער מער נאָך מיין געדאַנק;
זעט העלער אויס פאַר מיר דער מאָרגן אין מיין גאַנג;
— די וועלט גייט אויף אַנטקעגן מיר פון וויטן פריי.

מיט דיינע רייד האָב איך דערהויבן זיך צו ליכט,
אַראָפּגעשטויבט די גרוי פון מיין געזיכט,
און האָריזאָנטן האָב איך פאַר זיך אויפגעהעלט.

פאַרנעמסטו מיינע קלאַנגען פון מיין יעדע ליד,
ווי דו אַליין וואָלסט אַלע מאָל מיין האַרץ צעגליט,
איך זאָל מיט וואָרט געלייטערט קומען צו דער וועלט.

פערטע אָפּטיילונג

הינטער שטעט

אינהאַלט:

דער באַן־וועג — — — — — — — — — — — — — — — 67
די מיל — — — — — — — — — — — — — — — — — 68
אין דער פרי — — — — — — — — — — — — — — — 69
די ערד — — — — — — — — — — — — — — — — — 70
דער טייך — — — — — — — — — — — — — — — — 71
אויפן וועג פון דאָרף — — — — — — — — — — — — 72
זון־פאַרגאַנג — — — — — — — — — — — — — — — 73
פאַרנאַכט — — — — — — — — — — — — — — — — 74
נאַכט — — — — — — — — — — — — — — — — — 75
פאַר א רעגן — — — — — — — — — — — — — — — 76
רעגן — — — — — — — — — — — — — — — — — 77
פאַר א שטורם — — — — — — — — — — — — — — 78
דער סאַד — — — — — — — — — — — — — — — — 79
אין שניט־צייט — — — — — — — — — — — — — — 80
האַרבסט אין וואַלד — — — — — — — — — — — — — 81
האַרבסט אין דאָרף — — — — — — — — — — — — — 82
א דאָרף — — — — — — — — — — — — — — — — 83
שניי — — — — — — — — — — — — — — — — — 84
א פעלד — — — — — — — — — — — — — — — — 85
פרימאָרגן — — — — — — — — — — — — — — — — 86
ציגיינער — — — — — — — — — — — — — — — — 87
אַפּרו — — — — — — — — — — — — — — — — — 88
ציגיינער טאַנץ — — — — — — — — — — — — — — 89
ביינאַכט — — — — — — — — — — — — — — — — 90

דער באַן-וועג

ליגט איינגעשניטן מיט די רעלסן, פעלד נאָך פעלד צעשפּרייט און פריי,
און קאָנען נישט פאַרהיילן זיך צוריק, מיט גרינקייט פון דער ערד;
צעשפּאָלטן אויף צוויי העלפט, שטייט וואַלד נאָך וואַלד מיט צווייגן גרין-באַשווערט,
און ווילן נאָך אַ מאָל פאַרוואַקסן זיך אין גאַנצקייט פון דאָס ניי.

מיט אימפּעט פון אַ ווינט, און מיט אַ פּנים שווער באַאַנגסט פון אייל,
לויפט דורך אַ באַן, ווי נאָכגעיאָגט פון פאַלנדיקע קלעפּ פון העק,
און וואַלקנט איבער זיך, ווי צו פאַרדעקן מיט אַ רויך דעם וועג,
און הינטער זיך דעם שפּור פון באַן, צעלאָזן פינצטער מייל נאָך מייל.

אויף באַרג און פעלד, כּאַלופּקעס, שטייען איינס פון צווייטן אָפּגעטיילט,
ווי שכנים אָנגעברוגז'טע, און קוקן נאָך די באַן מיט כּעס,
וואָס האָט פון זייערע גרינע פעלדער אָפּגעשניטן — פּאַס נאָך פּאַס.

ליגט אונטער רעלסן פּאַסנווייז, די ערד פון זומער אָפּגעשיילט,
ווי יעדער וואָרצל וואָלט אַ קללה טיף געטראָגן יאָרן לאַנג:
צו וועלקן נישט דערבליט פון זון, און פינצטערן אין אונטערגאַנג.

די מיל

אַ פרייער פעלד, באַדעקט מיט הויכע זאַנגען און מיט גראָז
ליגט אויסגעשפּרייט פון וואַלד צו וואַלד, מיט פאַסן זון אָרום באַגילדט;
עס וואַרעמט זיך די פעטע ערד, מיט זומער רייכקייט אָנגעפילט,
און צוויי פאַר אירע וואַרצלען איין, דעם זאַפט פון שטראַלן אָן אַ מאָס.

און ווי אַ שומר פאַר דער תבואה, שטייט אין מיטן פעלד אַ מיל,
אַ מיל מיט פליגלען ווי מיט הענט צעשטרעקטע בעטנדיק נאָך ווינט,
וואָס זאָל די פליגלען איר באַוועגן און צעיאָגן זיי געשווינט,
— די קערנער זאָלן זיך צעמאָלן נאָכאַמאָל אין הויפנס פיל.

און מיט אַ ברכה צו זיין עלטער, מיט אַ לויב צו זיינע יאָר,
— גייט מיט דער בלאַנקער קאָסע אין זיין האַנט, גאַבריל, איצט פון דעם שניט,
און זינגט פון נחת, מיט דער לולקע אין זיין מויל, זיך צו אַ ליד.

און אים אַנטקעגן קומען, ווי אין הימל אַלע שטערן קלאָר;
— די רייכטימער פון שפּייכלער תבואות אויסגעשטעלטע אויף זיין שליאַך;
וואו ס'שטייט מיט זיינע יאָר אין פעלד, די מיל — אַ שומר אויף דער וואַך.

אין דער פרי

מיט זון באַגאָסן, איבער גרינעם אויפבלי צוגעדעקט מיט טוי,
צעלייגטע ליגן בערג אויף פעלדער איינגעדרימלטע אין רו;
דער הימל־בלאָ אַן אויסגעקערטער, אָן אַ וואָלקן, קוקט זיך צו,
וואו ס'ליגט אַ וועלט מיט בערג אַרום צעוואָרפענע נאָך ווייסט און רוי.

אויף פעלדער גייען קי און צופן אויס די רויקייט פון דער וועלט;
אַוואו־ניט־וואו גייט מיט אַ קעלבל נאָך אַ קו און לעקט דאָס גראָז;
ביי פלויטן שטייען פערד אַליין און מורמלען צו די קוסטעס וואָס,
דערציילנדיק זיי סודות עפּעס פון דעם לעבן אויף דעם פעלד.

פון טאָלן אויסגענעפּלטע מיט פערל־טוי פון מאָרגן־דופט,
צעשפּרייטן זיך, מיט גרין־באַדעקטע בלעטער, — וועלדער אין געזאַנג,
און נעמען אויף דעם נייעם טאָג, מיט פרייד אין פאַרבנ־רייכן גאַנג.

די זון צעגליט מיט גאָלד די שמעטערלינגען אין דער פרייער לופט,
דער טאָג באַזילבערט העל אַ טייך, וואָס שלענגלט זיך דורך וואַלד פאַרביי,
און שפּיגלט אָפּ אין וואַסער־גלאַנץ, די וועלט וואָס לעבט אין שטילקייט פריי.

די ערד

עס האָט דער טאָג אין רויטן מערב־ראַנד שוין אויסגעברענט,
די פעלדער צוגעדעקט מיט גרויע שאָטנס אין געהיים;
מיט פערד און אַקער־וועגן, גייען פויערים אַהיים,
מיט פרייד צעשפּילט אין אויגן, און מיט רידלען אין די הענט.

עס ליגט די ערד אויף פעלדער שוין צעאַקערט מיילן ווייט,
מיט מעסערס אויסגעמאָסטן און צעשניטן שורות־ווייז;
— צעגראָבן מיט געזאַנג פון יונג, און האָפענונג פון גרייז,
עס זאָל די תבואה הײַנטיקס יאָר אַרויס אין רעכטער צייט.

אין ווינקלען פעלדער ווערן בוימער פון דעם ווינט געגלעט,
ווי ס׳וואָלט זיי גאָט מיט וואָרצלען אין דער ערד אַוועקגעשטעלט,
צו שטיין ווי שומרים און באַוואַכן דאָס צעאַקערט פעלד,

וואו אין דער ערד הויבט אָן שוין בליען טיף די רייכע זעט;
— דאָס לעבן זאָל אַמאָל ניט פון אַ הונגער אונטערגיין,
די וועלט זאָל מיט איר וואונדער ניט פאַרבלייבן נאָך אַליין.

דער טייך

לבנה ברעקלט זיך אין שוים פון אימפּעטדיקן טייך,
און זילבערט אָפּ דאָס טיפע וואַסער, איינגעפלעקט פון נאַכט;
דער וואַסער־שטראָם, וואָס לויפט, געטריבן פון געהיימער מאַכט,
פאַרטראָגט אין ווייטן שטיקער זילבער־בערג פון אָט־דעם רייך.

די בוימער קוקן אויף די שאָטנס אין דעם טייך אַריין,
באַטראַכטן, ווי זיי זעען אויס אין וואַסער אין דעם שלאָף,
נאָך איידער זיי צעוועקן זיך פון טאָג און קומען אויף,
און לייגן ביי די ברעגן זיך אַוועק אין זונען־שיין.

דאָס שווייגן פון דער נאַכט איצט הענגט צעשניטן אין דער לופט ביים ברעג;
עס לאָזט דאָס וואַסער ניט אויף זיך די רו אַריבערגיין,
דער אומרו זאָל אין טייך ניט בלייבן אויף אַ רגע שטיין.

און שטראָם נאָך שטראָמען פון דער ווייטן, רוישן מיט געוועק,
דער אומרו טרייבט זיי נאָך די כוואַליעס מיט דעם שוים געשריי,
און אונטן, אין לבנה־ליכט, צעגייען זיי ווי שניי.

אויפן וועג פון דאָרף

ניט ווייט פון דאָרף, וואָס ליגט אין טאָל מיט זאַמד באַשטויבט פון גערן שליאַך,
און שלענגלט זיך באַזונט מיט טוי, פון פעלד צום גרינעם באַרג אַרויף;
שטייט ביז די פענצטער איינגעזונקען שטיל אַ כאַטקע אין אַ הויף,
די ערד באַפלעקט מיט הינער, קעז, און מיט אַ הונט וואָס זיצט אויף וואַך.

פון זון באַגעלט און אויסגעבאַקן, וויגט זיך אום אַ פעלד מיט היי,
מיט זילבער טוי באַשפּריצט, און העל באַדעקט מיט רייכן מאָרגן־גלאַנץ;
און אין דער לופט צעשטיפטע שפּרינגען שמעטערלינגען אין אַ טאַנץ,
און פליען נאָך אין לופט די פייגל, מיט צעשטראַלטע אויגן — פריי.

און ביי דער זייט אין פעלד, טויכט אויף אַ שטאָל מיט געל־באַפאַרבט די ווענט,
וואו ס'מאַכן אויף זיך טירן, און עס לאָזן זיך אַרויס די קי
מיט אויגן גלוטיקע, פון אויפגעשטראַלטן נייעם אין דער פרי.

נאָך זיי גייט נאָך דער בעל־הבית מיט קריגן מילך אין זיינע הענט,
און קוקט דערפרייט אויף זיינע רייפע קאָרן־פעלדער, ווייץ און קרויט,
אַז ס'שטראַלט זיין ברוינער פנים אויף, ווי אין דער הויך דער מאָרגן־רויט.

זון-פאַרגאַנג

דער טאָג האָט צוגעדעקט דעם הימל, מיט אַ בלאָ־באַשנייטן שאַל,
באַהאַנגען אים צעקאַרבט מיט ראָזע סטענגעס אין דעם מערב־זייט,
וואו ס׳הויבט אָן גליען אונטער גראָע פלאַכטעס, פייער אין דער ווייט,
און גיסט אַראָפּ אויף פעלדער שטראָמען ליכט ווי פון אַ וואַסער־קוואַל.

מיט פייער צינדן אָן זיך קעפּ פון בערג, און פלאַמען אויף אין הויך.
צעוואָרפנדיק מיט פולע הענט אין וועלדער שטיקער גאָלד צעגליט,
וואָס שמעלצן זיך אין פלאָנטער פון די ביימער פליסנדיק צעזידט,
אַז ס׳הויבט זיך איבער פעלדער אויף אין רוים, אַ קופּער־ברייטער רויך.

און ביז דער רויך דערגרייכט דעם הימל, און ער ווערט צעגליט אין שטויב,
פאַרכאַפּן פון די בערג די פלאַמען גיך דעם שאַל אין נעץ אריין,
און מאַכן פון אים פאַרביקער דעם רוים, און בליציקער די שיין.

און מיט דעם אויפפלאַם פון די וואָלקנס, גיט זיך באַרג נאָך באַרג אַ הויב,
און ווערן ביז אין האַלב צעשמאָלצן פון דעם פייערדיקן פלאַם,
ווי ס׳וואָלטן זייערע קעפּ גע׳טובל׳ט זיך אין זון צעשפּרייטן ים.

פאַרנאַכט

באַדעקט מיט וויאָלעט וואָלקן אין דער לעצטער שעה פון שיין,
זיצט שטיל אַ פויער אויף דער שוועל פון זיין באַלופּקע לעבן וואַלד,
און שפּילט מיט זיין האַרמאָניקע צום טאָג, וואָס לעשט זיך אויס, און פאַלט
אויף רויט צעגליטע בערג, וואָס וויקלען זיך אין בלויע נעפּלען איין.

און פון גאָלד־צעשטויבטע ווייטן, שאַרן זיך אַרויס די שאָף,
און גייען נאָך אַהיים דעם פּאַסטוך, קושנדיק אין פעלד דאָס גראָז;
פון הינטער זיי פּאַמעלאַך, שפּרייזן קי און ברומען פון פאַרדראָס,
וואָס ס'טרייבט די נאַכט צוריק זיי אין די שטאַלן שוין צום שלאָף.

און ערגעץ ווייט, צעבילט אַ הונט זיך הויך פון בייזקייט אויף דער נאַכט,
וואָס שפּרייט זיך אויס אין הויך מיט ברייטע פליגל איבער וואַלד און פעלד,
באַהאַלטנדיק די לעצטע שפּורן פון דעם טאָג'ס צעשטראַלטע וועלט.

און ניט צו לאָזן דאָס פאַרמעגן פון דעם פרילינג אומבאַוואַכט,
מאַכט אויף די וועלט איר אויג אין גרויען הימל אַזוי מילד און ווייך,
און וואַרפט אַרונטער זילבער־פעדים אויף דעם צווייט פון גרינעם רייך.

נאַכט

דער טאָג ליגט הינטער בערג און פֿעלזן־ווענט באַהאַלטן פֿאַר דער נאַכט,
און זאַמלט פֿאַר דעם מאָרגן, רײַטער מיט שטאַרקאַצן אין די הענט,
דעם חושך דורכצורײַטן מיט די פֿײַערן אין רוים צעברענט,
און עפֿענען די לאָדן פֿון באַגינען מיט אַ פֿאַרבן־פּראַכט.

און אין דער פֿינצטערניש וואָס גיסט זיך פֿון דעם הימל אָן אַ סוף,
און שמעלצט אין שוואַרצקייט אויס די בערג און וועלדער אין אַ גרויסן ים —
צעצינדן אין דער לופֿט זיך פֿליגן, ווי די פֿונקען פֿון אַ פֿלאַם,
און פֿליען, ווי מיט אויסגעהערטע סודות, אין דער הויך אַרויף.

די שטערן שווײַגן און די גרויל־אַכע לבנה קוקט אַראָפּ
אויף פֿינטעלאַך וואָס צינדן זיך פֿאַר עפּעס אַ געהיימען ציל,
און שווײַגט, ווי אַלע שטערן איצט אין הימל, סודות׳דיק און שטיל.

די וואָלקנס גייען פֿאַר דעם ליכט פֿון דער לבנה אויף און אָפּ,
און קענען ניט, ווי אויף דער ערד, פֿאַרשלינגען פֿון דער וועלט די שײַן,
און פֿאַנגען ווען אַמאָל איר קוואַל אין זייערע נעצן טיף אַרײַן.

פֿאַר אַ רעגן

די זון קלייבט שטראַלן פֿון דער ערד און הויבט זיי אויף מיט בלייכן שיין,
ווי אין דער לעצטער שעה פֿון טאָג, ווען ס'קומט דער מערב מיט דער נאַכט;
און איידער ס'ווערט אַ וועג צום הימל — מיט אַ כמאַרע צוגעמאַכט,
באַהאַלט דער טאָג די שטראַלן זיינע אין דעם וואָלקן־וואַלד אַריין.

צעווינטיקט ווערט די לופֿט און שפּרייט אַ נעפּל אויס אין בלאָען רוים;
דער הימל לאָזט אַרונטער זיך אויף בערג און טאָלן, ווי אַ ים.
עס שניידט איעדע וויילע אַדורך די גרוי אַ רויטער לאַנגער פֿלאַם,
און צינדט מיט דונערן אַ פֿייער אָן, אויף בערג צום הימל־זוים.

פֿלאַמט אויף אַ באַרג, אין פֿלאַמען איינגעהילט פֿון בליץ, און לעשט זיך אויס,
ווי ס'וואָלט פֿון הימל וועד אַ בליק געוואָרפֿן אויף דער וועלט אַרויס,
וואו אָפּצופּרישן שטיקער פֿעלדער, פֿון דער זון שוין באַלד פֿאַרבּרענט.

און מיט אַ דונער־פּאָלעריי, וואָס טרייסלט בערג פֿאַר מיילן אויף,
צעלאָזט אַ רעגן זיך מיט אימפּעט אויף דעם גרינעם רייך אַרויף,
וואו שניי־צעשוימטע וואַסערפֿאַלן, לויפֿן נאָך פֿון פֿעלזן ווענט.

רעגן

א רעגן שפּריצט און הערט ניט אויף זיך אויסצוגיסן מיט איינמאָל,
דער טאָג זאָל אויפגיין אין באַגלייטונג פון דער מיטאָג־זון צעשטראַלט;
דאָס לעבן זאָל איר פרייד געפינען אויף די פעלדער אויפגעפּראַלט,
וואו וואלד און דאָרף זאָל טורמען זיך מיט גאָלד ארויף פון באַרג און טאָל.

עס צוואָגט זיך וואלד און פעלז, און קאָנען ניט דערוואשן זיך פון גרוי,
ווי ס'וואָלט דער שטויב פון מדבר־וועגן איינגעגעסן זיך אין זיי,
און אָנגעהויבן דורכצופוילן וואָרצלען אין דעם וואלד'ס געדריי,
עס זאָל דער דאָרף און באַרג, ווי אָפּגעלאָזן שטיין פארוויסט און רוי.

דער הימל, פול ארום מיט וואָלקנס לויפנדע ווי אויף א מארק,
צעכוואליעט הענגט פאר מיילן ווייט באשאָטנט מיט א נעפּל שיין,
און זיפט, ווי דורך א זיפּ, דעם רעגן דורך נאָך לויטערער און ריין.

ער זאָל דערגרייכן אין די טיפענישן אונטער פלאַך און באַרג,
דערפרישן אין דער ערד די וואָרצלען ביז צום טאָג פון שניט אין פעלד;
די פויערים זאָלן פון דער שפע שיקן ברכות צו דער וועלט.

פאַר אַ שטורעם

עס לויפן מחנות רעגן־טרעגער, ווי מיט וועגענער און פערד,
און רייסן זיך פאַרביי דעם וואַלד מיט וואָלקן־בערג אין בלאָען רוים;
צעשווימען זיך אין הימל בערג מיט אויפגעמאַכטע מיילער־שוים,
ווי נאָר אַראָפּצופאַלן פאַר דער שרעק פון שטורעם אויף דער ערד.

באַפאַלט מיט ווינט־טאָרנאַדן אַ געווייש די ביימער אויף דעם פעלד,
וואָס ליגט באַגראָזט און ווייט, באַרייכט מיט בלאָע בערג אין טיפן וואַלד.
לויפט דורך אַ ציטער דורך די תבואה, ווי דער הויך וואָלט זיך געשפּאַלט,
און שלאַנגען פייערן צעוואָרפן אויף דער פרוכט באַרייכטער וועלט.

און מיט אַ שטויב פון שליאַכן הויבט דער ווינט געווירצן אין געדריי,
וואָס פאַלן מיט געשריי פון קוסטעס און פון צווייגן פאַר דער צייט,
און וועלן פון אַ ווילדן וואָיען צו די ווענט פון בערג באַגלייט.

צערוישן זיך די בלעטער מיט אַ ניגון פון אַ האַרבסט־געשריי,
ווי ס׳וואָלט דער ווינט געצילט נאָר אויסצורייסן ביימער פון דער ערד,
און מעכטיקן אַזוי אויף פעלדער, ווי אויף ימים אומגעשטערט.

דער סאָד

אין רייפן בליען שטייט באַגרינט אַ גרויסער סאָד אין פעלד,
און וואַרימט זיך אין אויסגוס פון דער זון אין מאָרגן־פלאַם ;
דער ווייכער ווינט, ער קאַמט די בוימער אויס, ווי מיט אַ קאַם,
באַהויכנדיק די בלעטער מיט דער פרישקייט פון דער וועלט.

און קליין, ווי קרעלן נאָכגעהאַנגען אויף איעדן פרוכטן־בוים,
צעבליען זיך די שפּראָצונגען מיט פערל־טוי באַדעקט,
און קוקן צו דער וועלט, מיט גרינע העלדזער אויסגעשטרעקט,
דערקוויקנדיק זיך מיט דער זון אין אויסגעהעלטן רוים.

אויף בוימער זינגען פייגל אויס די פרייד אין זייער ליד :
— די וועלט לעבט אויף פאַר אַלעם און באַרייכט מיט פרוכט און ווייץ ;
— דאָס לעבן זאָל רעגירן מיט איר כשוף, מיט איר רייץ.

און איבער אַלע בוימער, ליגט דער טאָג מיט זון און גליט,
און בלענדט מיט ליכט און גאָלד אויף רייפע פירות אין דעם סאָד ;
— דאָס לעבן זאָל מיט יום־טוב שפּילן זיך, ווי אין אַ ראָד.

אין שניט-צייט

עס ליגט די תבואה אויף דעם פעלד געשניטן און אין סטויגס צעלייגט,
ווי קברים אונטער זיי באַגראָבן, שטיקער זומער ריי נאָך ריי ;
דער הימל אָן אַ שטראַל פון זון, העגנט אויסגעשפּרייט, באַגרויט ווי בליי,
און קוקט אַראָפּ אויף פעלד און באַרג, אויף ביימער רויט און געל באַצווייגט.

און פאַר דעם ווינט, וואָס הויבט זיך אויף פון שליאַך און לויפט מיט שטויב פאַראויס,
שלעפט גרילצנדיק אַ פערד אַרויס פון שלענגעלנדיקן וועג אַ פור,
וואָס לאָזט מיט אירע רעדער אין דער ערד, צוויי רעלסן פאַר אַ שפּור,
ווי ניט פאַרלירן אויף צוריק פון אויג דעם וועג פון פעלד אַרויס.

מיט מידע פיס פון פוילקייט, שלעפט דער פערד די פור אין פעלד אַרויף,
עס גייט דער באַלעבאָס מיט זיינע יונגען פון דער פור אַראָפּ ;
נאָך זיי גייט נאָך אַ שיקסע מיט אַ רויטן טיכל אויף איר קאָפּ.

מיט ווידלעס שאַרן יונגען אין אַ סטויג אין פעלד דאָס היי צונויף,
די שיקסע בינדט אַרום די בינטלאַך זאַנגען פעסט מיט שטרוי, ווי שטריק,
און מיט אַ וואָגן תבואה, קערט דער באַלעבאָס אַהיים צוריק,

האַרבסט אין וואַלד

מיט פֿליגלען — אומרו און מיט אויגן פֿלאַמיקע אין זון־פֿאַרגאַנג,
צעטראָגן פֿייגל שטיקער יום־טוב פֿרייד פֿון וואַלד אין וועלט אַוועק,
און לאָזן איבער בלויז אַן אָפּקלאַנג בלאָנדזשענדיק פֿון די זומער־טעג:
— אַן עכאָ פֿון אַ לעבן, שוין אַן אָפּגעשטיפּטן אין געזאַנג.

און צו די פֿינגער פֿון די ביימער אין דער ערד אַריינגעפּרעסט,
דערנענטערט זיך אין געלן בלעטער־פֿאַל דער זומער צו זיין סוף:
מיט ווינט־טאָרנאַדן הויבן זיי אים אין אַ שפּיל פֿאַר שפּאַס נאָך אויף,
און שפּילן זיך מיט זיינע געלע קוויטן איבער נעסט נאָך נעסט.

שטייט ווילד דער וואַלד אַ נאַקעטער אין פֿאַנג פֿון וואָיענדיקן ווינט,
מיט צווייגן אויסגעשטרעקטע צו דערכאַפּן נאָך דעם זומער־פֿאַל:
מיט יום־טוב נאָך אַ מאָל צעעפֿענען פֿאַר זיך פֿון פֿרייד דעם קוואַל.

נאָר ווי פֿאַר'משפּט און געשטראָפֿט צום אונטערגאַנג פֿאַר שווערע זינד,
צעפֿאַלט די מאַי־עשירות ברעקלאַכווייז און ווערט פֿון האַרבסט צעשטערט,
און צוגעדעקט מיט שטויב פֿון זומערן, וואָס הויבט זיך פֿון דער ערד.

האַרבסט אין דאָרף

פון זומער אויסגעטאָן, ליגט רוי דאָס פעלד פאַרוויסט און דורכגעפוילט,
און ציטערט אויף פאַרגעלט און רויט, ווען ס׳לויפט אַ ווינט פאַר׳כעס׳ט פאַרביי.
די רעשטלאַך פון דעם אויפבלי, וואַלגערן אַרום זיך הפקר פריי,
און טאַנצן אַ סקעלעטן־טאַנץ אין לופט פון גרינקייט אויסגעהוילט.

באַדעקט מיט געלן אומרו פון דעם קאַלטן ווינטיקן געיעג,
שטייט אַן געזאַנג פון טאָג אין נאַקעטקייט צעצווייגט דער טיפער וואַלד;
קוקט צו ווי זיין עשירות איצט, ווי שפּענער אין דעם ווינט צעפאַלט,
און בלייבט שוין אַן אַ מלבוש שטיין פאַרצווייפלט פון זיין גאַנץ פאַרמעג.

און הינטער אים פאַרגליווערט ליגט אַ באַרג מיט רויך און שטויב צעשפּרייט,
האַלט שטאַלץ אויף זיך אַ דאָרף מיט כאַטקעס ווי מצבות אַנגעשטעלט,
און קוקט מיט גרויע שויבן־אויגן, ערגעץ צו דער ווייטער וועלט.

מיט פליגל־אומעט, פליען קראָען אויף זיי קראַקעדיקערהייט,
פאַרטרייבנדיק דעם רייך פון זומער, פון דעם תבואה׳דיקן דופט,
און שלינגען איין דעם לעצטן טריל פון פויגל יום־טוב אין דער לופט.

אַ דאָרף

פון פעלד צו פעלד, אַ דאָרף מיט כאַטעס איינגעהויקערטע אין שניי,
ווי אין אַ מדבר אַן אָאַזע אין געפאַנג פון גרויסן וויסט,
ליגט ווילד פאַרוואָרפן פון דער וועלט דער ישוב, ווי אַ באַרג מיט מיסט,
און איבער אים די רו צעשפּאָלטן, פון דעם קראָענדיק געשריי.

ליגט איינגענורעט פון דעם דאָרף דאָס לעבן פון דער פרי ביז שפּעט,
די ווענט און דעכער מיט אַ שניי באַדעקט פון נידער ביז אין הויך:
און פון די קוימענס צו די קראָען, שלענגלט זיך אַרויף אַ רויך,
ווי פון די כאַטעס וואָלט דאָס לעבן דורך דעם רויך אַרויסגערעדט.

און ווי די ווייסע רו, וואָס ליגט אויף פעלדער אויסגעשפּרייט פאַרפרירט,
און לאָזט קיין סימן ניט אַרויס פון גרינעם אויפלעב פון דער ערד: —
הענגט אומבאַזיגט דער הימל ווילד פאַרוואָלקנט ווי מיט מחנות פערד.

און פון דעם דאָרף, וואָס איז ניט מיט דער וויטער וועלט פון שטאָל באַרירט,
שיקט יעדן טאָג דער פויער פון זיין שטוב אַ תפילה צו זיין גאָט; —
וואָס ס׳האַלט אים נאָך דער לעבן אויף מיט ווייב און קינד דערווייט פון שטאָט.

שניי

עס האָט דער הארבסט מיט ווינטן אָפּגעקערט דאָס גרין פון פעלד,
מיט רעגנס אָפּגעוואַשן פון דעם וואַלד — דעם זומער־פּאַל;
מיט פּיצלאַך זומער, ווילד צעווייעטע פון איבעראַל,
געוואָרן איז דער אויפּבלי פון דער ערד מיט פראָסט פארשטעלט.

דער הימל מיט א מדבר וואָלקן־בערג, ווי שטיקער אייז,
קוקט א צעהאנגענער מיט שניי אראָפּ אויף וואַלד און לאַנד;
ווערט בארג און טאָל אין פעלד מיט ווינטער־ווינטן איינגעשפּאַנט,
און צוגעדעקט מיט רעשטלאַך וועלק געיאָגטע פראָסטיק ווייס.

און מיט די ווינטן רייסט זיך מיט א שניי פון הויכן פריי,
צעטאַנצט זיך אין דער לופט און לייגט זיך איבער פעלד אַוועק,
און גרייט פאַר ווינטער א געלעגער איבער שטעג און וועג,

עס זאָלן קליינע טעג דאָ איבערשלאָפן אויף דעם שניי,
און טרוימען פון דעם זומער, וואו באַקליידט האָט זיי געזאַנג,
מיט ליד צעטראָגן איבער וועלט פון פרייהייט דאָס געשאַנג.

אַ פעלד

פון דאָרף ביז דאָרף, ליגט שטיל פאַרוויסט אַ פעלד מיט בערג באַדעקט מיט שניי.
ליגט אומבאַפלעקט מיט פראָסט צעזילבערט ווייסע רו פאַר מײלן ווייט,
און ווערט ווי אַפגעהיט אַרום פון ווייסע וועלדער פון דער זייט,
עס זאָל פון ערגעץ ניט דערטראָגן זיך מיט שטאָט קיין אויסגעשריי.

מיט טורעם־בערג פאַרפרירט, קוקט ווי אַ ים דאָס פעלד אַרויף צום הויך,
וואו ס׳שווימען אינזלען אָנגעפרוירענע מיט קופּעס שניי אין רוים;
די הימל־בערג מיט אייז צעוואַנדערטע פון ווייטן מיט אַ שוים,
צעיאָגן איבער פעלד און באַרג אין לופט אַ בלישטשענדיקן רויך.

און פון באַגייסטערונג, פאַר די באַאייזטע בערג מיט זילבער גלאַנץ,
אויף אויסגעטאָלטע ווייטן, ווי מיט ברייטע טעפּיכער צעשפּרייט;
גליט אויף אַ פענצטער פון אַ קליינער כאַטע ערגעץ וואו פון פרייד.

צעפליען זיך אין לופט אויף רעגנבויגנס, דימענטן אין טאַנץ;
בליצט אויף דאָס פעלד מיט שניי, צום גרויען הימל ווי מיט אויגן־גלי;
— דער מערב זאָל דעם טאָג צעטרייבן און די שטערן צינדן פרי.

פרימאָרגן

צעבאַרגטע ליגן ברייטע פעלדער צוגעדעקט מיט שניי,
און האַלטן אויף זיך וועלדער איינגעפרוירענע מיט אייז.
צעוואָרפן שטייען שטיבלאַך, איינגעהילט אַרום אין ווייס,
און ציען צו זיך שטעגלאַך פון דער ווייט אין אַ געדריי.

אין פענצטער פון די שטיבלאַך שפּיגלט זיך דער טאָג און ברענט,
צעוואָרפט די שטראַלן ווי צעשמאָלצן גאָלד אויף שניי אַרויף;
און ערגעץ פון אַ קוימען הויבט אַ דינער רויך זיך אויף, —
אַ גרוס פון לעבן טראָגט זיך פון געצאַמטע, קליינע ווענט.

דער הימל פּירט די וואָלקנס פון דער ווייט אין זון אַריין,
ס'ווערט אָנגעצונדן באַרג נאָך באַרג און שפּרייטן פלאַמען אויס
און אונטער זיי צעהענגען קראָען אומעט און גערויש.

אַ פויער ביי אַ טירל פון אַ שטוב דאָרט שטייט און קוקט זיך איין,
וואו ס'ליגט דער זומער אונטער פעלדער אייז, באַגראָבן טיף,
און יעדע כאַטקע קוקט פון שניי אַרויס זיך ווי אַ שיף.

ציגיינער

שטויביקע וואָלקנס גייען אויף אין דער הויך,
און פון דעם שטויב צעוויכערט, שיילט זיך אויס אַ לאַנגער שטעג;
שלעפּט באַרג אַרויף זיך אַ ציגיינער קאַראַוואַן פון וועג,
באַגלייט מיט גאָלד־צעפלאַמטן רויך.

פאָראויס פּאָר איינגעשפּאַנטע פערד, לויפן בילנדיק די הינט,
אַ געשריי, געוואַי! פון וויטן קומען איצט ציגיינער אָן! —
מיט רינגען און מטבעות אויף די העלדזער אָנגעטאָן,
און פּנים׳ער פאַרברוינט פון זון און ווינט.

עס שלעפּן זיך די וועגענער, געפירט פון מידע פערד;
ביים זייט פון וועג ציגיינער מיט די לייצעס אין די הענט,
אנטקעגן גייען זיי דער זון, מיט זומערדיקן בלענד.

דאָס סקריפּען פון די וועגענער אויף זאַמדיק שווערער ערד,
גייט אויף, ווי זייער עלנט דורך די נעכט און טעג;
עס שלעפּן זיך ציגיינער אום פון וועג צו וועג.

אָפּרו

ציגיינער מיט די בוידן איבער וועגענער צעשטעלט,
צעשטעלן זיך אין פעלד, ביים וואַלד וואָס שפּיגלט זיך אין טייך,
און פּאַקן אויס דאָס אָרעמקייט פון זייער קעניגרייך,
וואָס האַלט זיי אין אַ ראַם פון הפקר־לעבן אין דער וועלט.

נאָך איידער עס געזעגנט זיך דער טאָג מיט טאָל און באַרג,
פּאַרדעקט דעם בין־השמשות מיט אַ שלייער פון דער נאַכט;
צעשטעלטע שטייען רייען ביידלאַך, פרייע אויפגעמאַכט,
און פערד ביי וועגענער מיט אָפּגעשפּאַן, ווי אויף אַ מאַרק.

ציגיינער טראָגן זייער האָב און גוטס אויף פעלד אַראָפּ,
די ווייבער מיט די זויגלינגען און קינדער אויף די הענט
פאַרטיליקן די רו אין זון פאַרגייענדיקן בלענד.

און אויף אַ בערגל פאַרעט זיך אַ מאַלצייט אין אַ טאָפּ,
אַרום ביים פייער טומלט זיך נאָך העכער דאָס געוויש;
— ציגיינערקעס, מיט שיסלען טיילן יעדן עסן אויס.

ציגיינער - טאַנץ

ציגיינערביידלאַך שטייען ווי אַ פּיילנבויג צעשטעלט.
דער טאָג מיט זיינע פאַרבן פאַלט אויף זיי אַרונטער פריי;
די פערד, אָן זאָרג, צעשפּאַנטע, רוען שטייענדיק אין ריי,
און צופּן פון דער ערד דעם כח, צו לאָזן זיך אין וועלט.

מיט יום־טוב אויף די פּנימ׳ער, פון זומער־זון צעברענט,
פון וואַלד און פעלד אַדורכגעשלעפּטע פון דער פרעמד צו פרעמד;
צעשטעלן זיך ציגיינער אין אַ ראָד, ווי איינגעקלעמט,
מיט צימבל און באַנדורעס, גרייט צו פויקן מיט די הענט.

ווי אויסגעוואַקסן פון דער ערד, צעפלאַמט מיט בליק, און פלינק,
איז אַ ציגיינער־מיידל אין דעם ראָד אַריין פאַרווילדט,
און טאַנצן אָנגעהויבן גיך, אין פאַרבן איינגעהילט.

שטייט איינגעהילט ווי מיט אַ פאַרבנדיקן שאַל דער רינג,
וואָס וואַרט מיט לידער אויסצוטאַנצן ליוב צו מענטש און גאָט,
און שפּילן און פאַרשפּילן זיך דאָס לעבן אין דעם ראָד.

ביינאַכט

דער הימל הענגט מיט וואָלקן־בערג, אַריבער וואַלד און פעלד,
און האַלט צעהאַנגען די לבנה אין דער מיט;
עס פלעמלט אין דער פינצטער שטיקער האָלץ צעגלידט,
און ווערן פון דעם אייגן פייער אין דער נאַכט באַהעלט.

עס שיילט אַראָפּ דער פלאָם דעם נאַכט פלעק פון אַ ברייטן טאָל,
דערהויבט ציגיינער־ביידלאַך אין דער הויך אַרויף;
און איבער זיי פאַרשלייערט פאַלט אַראָפּ דער שלאָף,
צעהענגט חלומות איבער זיי פון היימען אָן אַ צאָל.

אַרום די ביידלאַך שטייען וועגענער, פון פערד באַוואַכט,
און אויף דער ערד ציגיינער ליגן צוגעדעקט מיט רויך,
און קוקן ווי די פייער־פונקען לעשן זיך אין הויך.

עס זיצן די ציגיינערקעס ביים פייער אין דער נאַכט,
פאַרוויגנדיק מיט ליד נאָך ליד די קינדער אויף די שויס,
און קוקן אויף דעם האָלץ, וואָס פלאַקערט זייער עלנט אויס.

פינפטע אָפּטיילונג

אָזעלכע טעג

אינהאַלט

נאַך יעדן בריוו — — — — — — — — — — — — 93
ניגונים — — — — — — — — — — — — — — — 94
קאַלענדאַרן — — — — — — — — — — — — — 95
אין איינזאַמע שעה'ען — — — — — — — — — — 96
אַליין — — — — — — — — — — — — — — — 97
אין פרייד — — — — — — — — — — — — — — 98
אין מיין ליד — — — — — — — — — — — — — 99
טעג פון נעכטן — — — — — — — — — — — — 100
דאָס ליד פון זיג — — — — — — — — — — — 101
מאַמע — — — — — — — — — — — — — — — 102

נאָך יעדן בריוו

נאָך יעדן בריוו, וואָס איך באַקום נאָך פון מיין אַלטער היים,
אַ גרוס נאָך פון אַ קרוב מיינעם צוגעשריבן;
קומט אָן די בענקעניש, וואָס איז אין האַרץ פאַרבליבן,
און וויקלט איין מיך, בין־השמשות'דיק אַזוי געהיים.

צעשטעלן זיך פאַר מיינע אויגן, בילדער ריי נאָך ריי,
און פירן שטיל אַרויס, באַזומערטע געשטאַלטן,
וואָס זיינען שוין באַנעפּלטע געווען באַהאַלטן,
און האָבן זעלטן דורך מיין טראַכטעניש געשפּאַנט פאַרביי.

און לייענענדיק אַזוי אַ יעדן מאָל אַ נייעם בריוו,
צעוואַקסן זיך פאַר מיר היינט לעבנס פון די ווערטער,
וואָס קלינגען אָפּ ווי עכאָס נאָך פון אַלטע ערטער.

און צווישן זיי דאָרט וואַקס איך אויס נאָך יונג, ווי פון אַ טיף,
דערהויבן נאָך אַמאָל פון יענע יונגע יאָרן,
וואָס לאָזן ניט פאַרמעקן זיך אין מיין זכרון.

ניגונים

אין אָוונטן פון מידקייט נאָך דער אַרבעט אין פאַבריק.
ווען כ'בין ניט מער פון הירזשען פון מאַשין געפאַנגען:
דערטראָגן זיך צו מיר פון ווייטן אַלטע קלאַנגען,
וואָס כ'האָב אַמאָל געהערט אין היים מיט יאָרן נאָך צוריק.

עס לאָזט מיך ניט צורו אין פרעמד דער ווייטער ווידערקלאַנג,
וואָס וויקלט אויף מיר בילד נאָך בילד אין מיין זכרון,
פון מיינע שפּילערייען אין די פרילינג־יאָרן,
דורך וועלכע כ'בין פאַרביי געיאָגט מיט אימפּעטדיקן דראַנג.

און חלום'דיק פון יענעם טאַנץ אין רינג פון גליק און פרייד,
פאַרטראָגן די ניגונים מיך אין ווייטע ספערן,
וואו קיינער קאָן ניט אין מיין חלום מיך צעשטערן.

און אַ געלייטערטער פון פוסטע רוישנדיקע רייד,
זינגט אויס מיין האַרץ אין הויז דעם קאַראַהאָד פון לעבן:
איך זאָל די וועלט מיין אויפברויז פון דער צייט איצט געבן!

קאַלענדאַרן

איך טראָג אין מיין זכרון קאַלענדאַרן פון מיין וועלט.
די יאָרן פון די נעכטנס גייען נאָך אויף מיינע וועגן,
און לאָזן נישט איך זאָל די צייט פון יוגנט איבערזעגן:
באַטש ס׳קומט דער מאָרגן מיר אַנטקעגן יום-טוב׳דיק צעהעלט.

מיט וויפיל ליכט אין אויגן כ׳זאָל ניט קוקן צו דער ווייט,
אויף האָריזאָנטן צוגעדעקט מיט שפע פאַר מיין לעבן:
האָט נאָך ביז היינט די קייט פון טעג אַזוינס מיר ניט געגעבן,
וואָס כ׳זאָל איצט איבעררייסן פעדים פון מיין יוגנט צייט.

פאַרבליבן איז נאָך אין מיין זעל טיף אַ געוועב פון בילדער,
וואו ס׳פירן מיך געדאַנקען אין מיין דעמערונג פאַרביי,
און שפּיגלען, — טעג, וואָס האָבן מיינע פּיס געהאַלטן פריי.

און כאָטש דאָס לעבן איז ניט דאָן געוועזן צו מיר מילדער,
האָט ניט געמאָנט פון מיר דער טאָג פאַר מיין פאַרנעם אַ פּרייז,
איך זאָל ווי היינט באַצאָלן מיט מיין בלוט פאַר יעדן שפּרייז.

אין איינזאַמע שעה׳ען

אין שעה׳ען, ווי די ביימער אין אָקטאָבער־ווינטן איינגעפּלעכט,
צעטראָגן זיך די עכאָס פון די יאָרן מיינע צום פאַרגאַנג,
און וועקן אויף די יונגע שמחות פון אַמאָליקן געזאַנג,
וואָס האָט געלאַכט פון צאַמען־פּחד, אין מיין שפּרונג דורך טעג און נעכט.

עס גייען פאַר די אויגן איצט אַדורך מיר בילדער ריי נאָך ריי,
און נעמען מיך אין זייערע גערטנער נאָך אַמאָל אַריין;
אַן אָפּגעשטויבטער פון מיין זאָרג, צעבליק איך זיך מיט אויגן־שיין
אויף פרייע פעלדער, וואו עס האָבן מיינע פיס געשפּרונגען פריי.

מיט טריט ניט אויסגעמאָסטן, ווילט זיך טאַנצן צום אַמאָל צוריק,
כאָטש נאָך אַמאָל אַריינגעדרייט צו ווערן אין דעם קינדער־ראָד,
און ווייטער זיך צעוויכערן אין זאָרגלאָז ווילדן קאַראַהאָד.

און ווי מיט הענט נאָר אָנצוכאַפּן יענע ראַנדן פון מיין גליק,
צעבליק איך טיפער זיך מיט טרויער אין די ווינקלען פון דער ווייט,
וואו ס׳האָט די וויג מיך אויסגעוויגט צו זיין אַ זינגער פון מיין צייט.

אַליין

דו ביסט געקומען צו פאַרפלאַנצן מיר מיין לעבן אויף דער וועלט,
און ביסט אַוועק נאָך איידער האָסט געזען מיך אין מיין פרילינג רינג,
אויף באַרג און טאָל, וואו ס'האָט מיין פוס געיאָגט פון גליק, געשפרונגען גרינג,
אין טעג פון פרייד, מיט אויגן — זומערן, פון לעבן אויפגעהעלט.

און איידער נאָך איך בין דערוואקסן, צו באַקענען זיך מיט דיר:
באַנעמען פון דיין מויל, אָ, ליבע מאַמע, דיינע גוטע רייד,
האָט ווי פאַר עמיצנ'ס זינד געשטראָפט מיך גאָט, און דיך פון מיר געשיידט,
און אויפגעפראַלט פאַר מיר צום גרויסן יתום־הויז — די שמאָלע טיר.

מיט בענקשאַפט נאָך אַ האַנט, וואָס זאָל באַרירן מיך אין טיפן צער,
בין איך געגאַנגען מיט מיין עלנטקייט געאַרמעט זאַלבאַנאַנד,
און האָב מיט אים אין יונגע טעג אויף אַלע וועגן אויסגעשפּאַנט.

און ווי דער באַרג, וואָס שטייט אַ שטאָלצער אין אַ דונערדיק געפאַר,
בין איך אין נויט געשטאַנען מיט די ברכות דיינע אַלץ באַוואַכט,
און האָב זיך אָפּטמאָל פון די עוולות אין מיין לעבן אויסגעלאַכט.

אין פרייד

נישט איינמאָל אין מיין גרויסער פרייד, אין שאַרפסטן אויפגלי פון מיין גליק,
ווען ס'רינגלט מיך אַרום די פרייַלאַכקייט פון וויין און פון געזאַנג,
און טריט פון מענץ פאַר'שכור'ן אין זינד מיין יעדערן געדאַנק,
עס הויבט אין אויפלעבונג די וועלט זיך אָן צו וואַקלען פאַר מיין בליק;

געדענק איך דיך, אַ ליבע מאַמע, אין דיין צניעות'דיקן חן,
וואו האָסט מיט דיינע יום־טוב אויגן אונז באַפינקלט אונזער הויז,
און האָסט דעם שאָטן פון דער וואָך געוואָרפן פאַר דער נאַכט אַרויס,
עס זאָל דער אומעט אין די נייע טעג אונז נישט אַנטקעגן גיין.

און מיט דעם אויפגאַנג פון דיין ליכטיק פּנים אין מיין גרויסער פרייד,
גייט אויף אַ בענקשאַפט אין מיין האַרץ צו רעדן נאָכאַמאָל מיט דיר;
דערפילן נאָכאַמאָל דעם פרילינג פון דיין צערטלאַכן באַריר.

און ווייטער ווי אַמאָל דיך האַלטן ביי די פאַלדן פון דיין קלייד,
אַ זאָרגלאָזער דיר נאָכגיין אויף דיין יעדן וועג נאָך דיינע טריט,
און הערן ווי דו זינגסט פאַר מיר, מיין גרויסן מאָרגן אין דיין ליד.

אין מיין ליד

נאָך יאָרן נויט, בין איך געקומען הפקר אויף דער וועלט,
דעם צער און טרויער פון דיר, מאמע, איבערנעמען.
דער בליק פון דיינע אויגן אין די טיפע ברעמען,
איז ניט געוואָרן נאָך ביז היינט פון צייט פאַר מיר פאַרשטעלט.

איך האָב קיין מאָנומענט פון דיינע יאָרן ניט געבויט: —
די טעג וואָס זיינען קאַרג געווען צו דיר מיט רו און פרייד.
עס זיינען איבער מיר געבליבן הענגען נאָך די רייד,
וואָס זיינען אין מיין האַרץ אַריין אין רגע'ס פון דיין טויט.

און מיט דעם ווידער־קול בין איך אוועק אין לעבן,
וואו ס'האָט די צייט נאָך יאָרן מיך געפירט מיט גלות פאַראויס,
איך זאָל מעת־לעת'ן דיינע, קייטן פאַר דער וועלט אַרויס.

עס זאָל מיין ליד אַ גרוס דער וועלט פון דיר אָפּגעבן,
וואָס האָסט פון דורות מיינע, מיך, דורך דיר אין צער געבראַכט,
און פענצטער פון דער וועלט אויף מיינע וועגן אויפגעמאַכט.

טעג פֿון נעכטן

דער ציפֿערבלאַט פֿון מיינע שעה'ען אויף דער האַרטער ערד,
צעשטעלט נאָר פֿאַר די אויגן מיר כּסדר בילד נאָך בילד;
— פֿון טעג און נעכט אַמאַליקע, צעלאָזענע און ווילד,
וואָס האָבן אויף די פֿעלדער צו מיין יוגנט נאָך געהערט.

און וויפֿיל מאָל איך וויל פֿאַר צער צום נעכטן ניט צוריק,
פֿאַרזונקען פֿון די פֿייערן פֿון לאַנג שוין אויסגעברענט;
איז שווער מיר צו באַהאַלטן זיך פֿון טאָג אַרום אין ווענט,
עס זאָל מיין יוגנט ניט אַנטקעגן קומען פֿאַר מיין בליק.

עס וואַכט אין מיין זכרון דאָס, וואָס איז מיר ליב געווען,
און קאָן נישט היינט פֿאַרמעקן יענע ווייט פֿון מיין געדאַנק,
מעג איצט אַפֿילו מיר דאָס לעבן זינגען זיין געזאַנג.

איך ווייס, איך קאָן שוין מער אויף יענע שליאַכן היינט נישט גיין,
וייל בריקן זיינען הינטער מיר צעפֿאַלן אויף דעם וועג;
— וואָלט איך אין שלאָף געוואָלט כאָטש, איבערלעבן יענע טעג.

דאָס ליד פון זיג

מיט ליבע האָסטו, מאַמע, מיך געבראַכט אין שעה׳ען פון דיין פרייד,
די וועלט זאָל דיך באַגריסן האַרציק אויף דער שמחה פון דיין גליק;
איך זאָל אין ליכט מיט פלינקייט גיין אַנטקעגן שונאים אין דעם קריג,
און לינדערן אין זיי די שנאה, צו מיין שטאָם — מיט מיינע רייד.

האָסטו מיט דיינע האָפענונגען מיך באַגלייט אַרויס אין וועג,
און יעדן טאָג געשיקט אין ווייט, דיין ברכה אין מיין האַרץ אַריין;
איך זאָל מיט אומרו־שעה׳ען אויף די וועגן ניט פאַרצווייפלט זיין,
ניט בויען זיך אין מיין נשמה נעסטן פאַר די ווילדסטע שרעק.

און מיט די ליכטיקע געדאַנקען פון דיין גלויבן אין דיין קינד,
האָסטו דיין לעבן זיך באַזונגען שטיל מיט דיינס אַ יום־טוב ליד,
וואָס האָט נאָך מער מיין האַריזאָנט אין דיינע אויגן אויפגעגליט.

און איידער כ׳האָב נאָך יאָרן בלאָנדזשעניש דערגרייכט מיין ציל נאָך בלינד,
האָט גאָט געקירצט דיין וועג, דו זאָלסט מיין זיג ניט זען שוין אין מיין צער,
ווי כ׳בין געבליבן ווי אַ בוים צעצווייגט נאָך האַרבסטיקן געפאַר.

מאַמע

דער צער אין דיינע אויגן האָט אין האַרץ ביי מיר געבוירן שרעק,
איעדן מאָל, ווען כ'האָב אַ בליק געטאָן אויף דיר אין אונזער הויז:
ביים פענצטער פלעגסטו זיצן, קוקן בענקענדיק אין גאַס אַרויס,
און שיקן דיינע שטילע תפילות אין דער ווייטער וועלט אַוועק.

ניט איינמאָל זיינען מיינע אויגן קינדישע געוואָרן פייכט,
און שטיל האָט מיר דאָס האַרץ געוויינט פון דיינע ניט־דערזאָגטע רייד,
אַז כ'פלעג זיך ביי דיין זייט מיט טרויער אַנידערזעצן שטילערהייט,
און וועקן דיך פון חלום דיינעם, מיט די פינגער מיינע לייכט.

ביז האָסט אַמאָל אין זון־פאַרגאַנג מיך צוגערופן מיט געוויין,
אין דיינע אָרעמס מיך גענומען שטיל מיט מוטערלאַכן חן,
און צוגעפּרעסט צום האַרץ מיך און געזאָגט מיר אויס דיין טיפן סוד:

"עס האָט דער גורל אונזערער, מיין קינד, פאַרפאָלגט אונז פון דער היים,
געמוזט זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין אויף וועגן אין געהיים,
ווי ס'וואָלט די וועלט אונז ניט פאַררעכנט מער פאַר קינדער פון איין גאָט...

זעקסטע אָפּטיילונג

לויב

אינהאַלט

צו דיר — — — — — — — — — — — — — 105
שרעק — — — — — — — — — — — — — 106
אומרו — — — — — — — — — — — — — — 107
אין דיינע הענט — — — — — — — — — — 108
אין די רגע'ס פון געפאַר — — — — — — — — 109
מיין געזאַנג צו דיר — — — — — — — — — 110
אין דער היים — — — — — — — — — — — 111
יום־טוב — — — — — — — — — — — — — — 112

צו דיר

צו
DR. A. A. BERG

I

מיט טיפֿן ווײ פֿון צער, און האָפֿענונג אין מײַן געדאַנק,
האָב איך דאָס ליכט פֿון מײַן נשמה אָנפֿאַרטרויט נאָר דיר,
ווען ס'האָט דער ווינט פֿון האַרבסט געראַנגלט זיך אַרום מיט מיר,
געוואָלט דערשטיקן אין מײַן האַרץ אויף אײביק מײַן געזאַנג.

איך האָב אין דײַנע הענט געגעבן פֿון מײַן וועלט דאָס ליכט,
דו זאָלסט באַשיצן מיר דעם פֿלאַם, פֿון אויפֿגעברויז פֿון ווינט.
וואָס האָט אַרומגערינגלט מיך פֿאַר עמיץ שווערע זינד,
און נאָר געזוכט מיט וועלקונג צו באַדעקן מײַן געזיכט.

און דו מיט וואונדער פֿון אַן איבער־מענטש דאָ אויף דער ערד,
באַוואַכט האָסטו דעם פֿלאַם פֿון ווינטן, הײליק און געטרײ,
ביז ס'איז דער גרויל אין פֿרילינג מײַנעם ווילד פֿאַר מיר פֿאַרבײ.

האָסט נישט דערלאָזט מײַן וועלט זאָל ווערן פֿאַר דער צײַט צעשטערט,
מיט דײַנע חושים אײַנגעוועבט אין וויסן פֿון דײַן בליק,
האָסטו באַפֿרײַט דעם נעסט פֿון שרעק און אָפּגעהיט מײַן גליק!

שרעק

II.

ביסט קראנק געווארן, ווייב מיינס, און געלייגט זיך אין דעם בעט,
און אפגעווענדט מיט צער די אויגן דיינע פון דער וועלט:
דאס לעבן האט אין ווי געמאטערט דיך — ווי אים געפעלט,
געווארפן דיך פון רו אין פיין אריין, פון פרי ביז שפעט.

כ׳האב איינגעזויגן פון דיין בליק, יסורים אין מיין בלוט,
און אנגע׳שכור׳ט זיך מיט ליידן פון דיין שארפער וואונד: —
נישט פילן, ווי איך וואלט אן דיר געזונקען צו א גרונט,
און פרי פארלאשן אין מיין הארץ, דעם פרילינג פון מיין גלוט.

געקלאמערט פון דיין צער, האב איך געגריבלט הילף פאר דיר,
געזוכט אין ווינקלען פון דער וועלט דאן א רפואה פאר דיין לייד,
דו זאלסט אין יונגן בליאונג איצט פון מיר ניט ווערן אפגעשיידט.

צעשלאגן האב איך מיט מיין אויפטאג, דעם געדאנק אין מיר!
מיט גלויבן אין מיין גליק, גענומען דיך אין מיינע הענט,
און דורכגעבראכן פאר מיין שפרייז פון שווערע שרעק די ווענט.

אומרו

III

פון פיין געענגבערט, האָב איך דיך אוועקגעפירט אין א שפּיטאָל,
דו זאָלסט רפואות פאַר דיין וואונד געפינען — פון געפאַר ארויס,
עס זאָל דער בונד פון שטייגן פלוצלונג אין מיין וועלט ניט ווערן אויס,
נאָך איבערלעבן אונזער פרייד פון גייסט און יום־טוב ווי אמאָל.

ארומגענומען ווי פון כוואַליעס אומרו פון דיין שטומען צער,
געלאָזן האָב איך דיך אין פרעמד, ווי אָפּגעזעגנט פון דער וועלט.
באוואַכט מיט מיינע ברכות אין געדאַנק, פון האָפענונג צעהעלט,
זאָלסט מיט מיין הייסן אָטעם פון געבעט, באַזיגן דיין געפאַר.

און ווי דער ים, וואָס קאָן קיין רגע ניט געפינען זיך אין רו,
האָב איך געשפּאַנט אהיים אין אנגסט, פון דיינע אויגן טיף באוואַכט,
און בילד נאָך בילד פון אונזער לעבן, האָט אין חלום אויפגעוואַכט.

מיט שרעק פון אומרו, האָב איך צו דער טיר פון הויז געהאָרכט זיך צו,
וואו שאָרך פון עמיצנס א טראָט האָט מיר דערציטערט מיין געדאַנק,
אין קלעם געהאַלטן מיך, דורך שעה׳ן־נאַכט, אין פּחד׳יק געפאַנג.

אין דיינע הענט

IV

דער טאָג פון דיין געבוירן, האָט שוין אויך פאַר מיר געהאַט באַדייט,
עס זאָל פון פרילינג מיינעם, צו־פרי הארבסט ניט ווערן מיטאַמאָל,
און פאַלן מיט מיין טרוים ווי פאַר א ווינט, א נעפּל אין דעם טאָל,
דעם אונטערגאַנג פון מיין אילוזיע, צו באַדויערן פאַר דער צייט.

עס האָבן דיך, אַ גייסט, די וועלטן אויסדערוויילט פאַר אונזער ערד,
געשיקט דיך צו באַוואַכן לעבן, פון א פּלאָג ביי מענטש און קינד,
ווען קלאַמערן וועט שטראָף, דאָס האַרץ פון עמיצן פאַר פרעמדע זינד,
און שעפּטשען מיט געבעט נאָך הילף, זיין שטים זאָל ווערן וואו דערהערט.

און איינמאָל אין געפאַר געוועזן איז מיין יום־טוב צו פאַרגיין,
פון פּיין וואָס האָט באַדעקט דאָס פּנים פון דער, וואָס איך ליב אַזוי,
ביסטו געקומען מיט רפואות דיינע היילן מיר, מיין פרוי.

איך ליב צו דיר, אַ גייסט, וואָס כ'האָב אין מיין געדאַנק נאָר דיך דערזען,
און ניי געבוירן אין מיר לעבן, און מיין האָפענונג געבראַכט,
און מיר באַפעסטיקט נאָך אַ מאָל מיין בנין — נאָך די לאַנגע נאַכט.

אין די רגע'ס פון געפאַר

V

פאַרטיפט מיט אַלע חושים אין אַ יעדן גליד פון דעם געבוי,
און איינגעקלאַמערט פעסט אין גלויבן יעדן נערוו ביי דיר אין זעל,
האָסטו מיט שאַרפן ליכט אין אויגן גלידער אויסגעמאָסטן העל,
און גרייט געשטאַנען מיט געדאַנקענגאַנג צו היילן גיך מיין פרוי.

אין יענער רגע האָסטו, פונקט ווי איך, ניט אַנגעזען די וועלט,
און פונקט ווי מיר, האָט דיך באַהערשט אין אומגעדולד בלויז איין געדאַנק:
— צו ווערן מיט מינוטן גיכער עלטער, און אַרויס פון פאַנג,
און זען אין אירע אויגן שוין צוריק דאָס לעבן אויפגעהעלט.

און ביים פאַרנייען פון די וואונד, האָסטו מיין ליוב צו דיר פאַרנייט;
— איך זאָל מיט פרייד אין האַרץ דערבליקן דיין נשמה, אין דיין וועלט
און זינגען איצט, פון דיינע חושים, אין מיין ליד צו דיר צעהעלט.

און כאָטש דאָס לעבן האָלט מיך היינט נאָך אין מיין וועג פון דיר געשיידט,
דאָס פרעמד איז מיר פון ערשטן טאָג נאָך אַן פון דיינע רייד דער קלאַנג,
בלייבט הייליק אין מיין האַרץ דיין נאָמען, וואָס צעוועקט צו דיר געזאַנג.

מיין געזאַנג צו דיר

VI

מיט לידער פון מיין האַרץ, ניט אויסגעזונגענע פאַר פרייד,
דערמאָן איך היינט דיין נאָמען, נאָך דעם האַרבסט פון שווערע טעג,
וואָס זיינען מיך באַפאַלן, און באַדעקט מיין וועלט מיט שרעק,
און אָנגעפילט מיט פיין דעם קוואַל פון מיינע יום־טוב רייד.

די זון וואָס האָט באַוועבט דאָס לעבן מיר אין פולן גאַנג,
געוואָרן איז בייטאָג מיט שאָטנס פון דער נאַכט פאַרשטעלט,
געראַנגלט זיך פאַר מיינע אויגן, מיט דעם ליכט פון וועלט,
און אויסגעקוקט אַ וועג אַרויס צוריק פון דעם געפאַנג.

איך האָב דעם צער פון פיינונגען באַגראָבן טיף אין מיר,
געזוכט אין ווינקלען פון מיין לעבן, היילונג נאָר פאַר איר,
ביז אויפגעליכטיקט האָט אין מוח ביי מיר, דיין נאָמען העל.

מיט ברכות פון די דורות האָסטו איבער איר געוואַכט,
ביז האָסט די אויפלויכטונג פון מיינע מאָרגנס דאָך געבראַכט,
און אָנגעזאָגט די בשורה פון מיין יום־טוב אויף דער שוועל.

אין דער היים

VII

די פרייד פון יום־טוב האָט באַטראָטן פון דאָס ניי ביי מיר די שוועל,
באַהעלט אַ יעדע ווינקל מיט דער פאַרביקייט פון מאָרגן־ליכט:
דעם אומעט פון מיין טאָג און נאַכט, פאַרווישט מיט זון פון מיין געזיכט,
און אויסגעלייטערט פון דעם צער און פּיין, דעם אומרו אין מיין זעל.

די זון איז אויפגעגאַנגען היינט אין אַלע ווינקלען פון מיין הויז,
און אָפּגעפרישט די לופט, וואָס איז געווען דערשטיקט מיט האַרבסט און נאַכט:
מיין גליק אין מיר האָט פון שפּיטאָל מיין פרוי צוריק אַהיים געבראַכט,
און ווייטער בין איך ווי אַ קינד מיט פרייד געפאַלן צו איר שויס.

מיט ליפּן לויב־געזאַנגען צו דעם טאָג און צו דער גאַנצער וועלט,
האָב איך באַדעקט איר פּנים און געשלונגען ווי אַן אָטעם פרייד,
און אויפגעהויבן זיך צו גאָט מיט שטילע זינגענדיקע רייד.

און ווידער איז דער טעמפּל פאַר מיין גייסט געוואָרן אויפגעשטעלט,
און ווי ביינאַכט די פייערלאַך פון שיפן שווימענדיק צום ברעג,
צעצונדן האָבן זיך פאַר מיר די מאָרגנס פון די נייע טעג!

יום-טוב

VIII

הײַנט זינגט די פרייד אַרויס פון מיר מיט יום־טוב אין מײַן ליד,
און קלאַנג נאָך קלאַנג צעהעננט זיך אין מײַן שטוב פון הויך ביז נידער.
די טירן פון מײַן לעבן האָבן זיך צעעפנט ווידער,
ווי גיך איך האָב דערהערט דעם שאָרך פון דײַנע ווייכע טריט.

דו ביסט געקומען צו באַגלייטן ווייטער מיך אין וועג
און וואַכן איבער מיר אין אויפשטייגונג צו מײַנע צילן,
עס זאָל מיך ניט אויף וועג קיין נעפּל פאַר דער וועלט פאַרהילן,
ניט גיין מיט רעשטלאַך בלעטער־וועלק אַנטקעגן נעכט און טעג.

נאָר ווי די זון וואָס קומט אַרויס פון וואָלקנס אין באַגינען,
ביסטו געקומען אין מײַן וועלט געבוירן פון דאָס ניי,
צו גיין מיט מיר פון אומרו ניט גערוט, אויף וועגן פריי,

איך זאָל אין שײַן פון דײַנע בליקן זען מײַן ליד צו שפּינען,
די רייען מאָרגנס גיין פאַרביי מיט בליץ פון מײַן געדאַנק,
— דו זאָלסט פון מײַנע טיפעניש הערן מײַן געזאַנג.

זיבעטע אָפּטיילונג

נאָך ניינצן יאָר

(אַ סאָנעטן רינג)

I	114
II	115
III	116
IV	117
V	118
VI	119
VII	120
VIII	121
IX	122
X	123
XI	124
XII	125
XIII	126
XIV	127
XV	128

נאָך ניינצן יאָר

I

מיט גלויבן איינגעוואָרצלט אין דיין האַרץ, צו ווערן פריי פון פּיין,
האָט אויפגעטאָגט פאַר דיינע אויגן, פאָטער, פון דאָס ניי די וועלט,
וואָס האָט דעם אויפגלי פון די זומער טעג, מיט האָפענונג באַהעלט
און אָנגעזאָגט מיט פרייד דיר, פון מיין קומען אין דיין הויז אַריין.

צעעפנט האָט מיט יום־טוב יענער אינדערפרי פון הויז דיין טיר:
— דעם אומעט־גרוי פון אָרימקייט, נישט לאָזן קומען אויף דער שוועל,
וואו ס'האָט דיין יורש אויפגעעפנט אויגן אַז שום זינד אין זעל,
צעפעכנדיק אַ הייליק פייער אין דעם קראַנקען האַרץ ביי דיר.

און ווי עס שיינט אין הימל די לבנה אין אַ יוני־נאַכט,
צערייפט מיט דימענט־רינגען, זילבערקייט דעם רוים פאַר ווייט און זאַכט;
אַזוי האָב איך דיין וועלט דיר, פאָטער, אויפגעטאָגט מיט פרייד די טעג.

עס האָבן דיינע אויגן ניט געשפּיגלט לאַנג זיך אין דעם גליק,
דאָס לעבן האָט גענומען נאָך אַ מאָל דיין פרייד פון דיר צוריק:
— האָב איך דעם לאַסט מיט דיר געטראָגן, ניינצן יאָר אַז רו אין וועג.

II

האָב איך דעם לאַסט מיט דיר געטראָגן ניינצן יאָר אַן רו אין וועג,
און ניינצן יאָר האָסטו געלייטערט מיין נשמה אין דיין צער.
און נאָכדעם האָט די וועלט דעם משפּט אויסגעפירט פון אונזער האָר:
געבליבן איז פאַר דיינע אויגן, בלויז מיין בילד צעהעלט אין שרעק.

געבענטשט מיט ברכות פון דיין האַרץ — איך זאָל אין וועג מצליח זיין,
און ניט פאַרגעסן אין נצחון, — אין מיין שמחה, ווער איך בין:
— האָסטו באַגלייט מיך אין דער פרעמד, וואָס האָט גערופן מיך אַהין,
וואו ס'האָט פאַר מיין נשמה אויפגעוויקלט זיך אַ וועלט אין שיין.

די טעג וואָס האָבן זיך, נאָך יאָרן, פעסט צונויפגעקייטלט אין דער פרעמד,
געוויזן מיר דיין גורל פון דער שווערער צייט אין בילד נאָך בילד,
ווי ציללאָז ס'האָט דאָס לעבן זיך מיט דיר דורך טאָג און נאַכט געשפּילט.

האָט שלאָפלאָז מיך געהאַלטן שווערע נעכט, און טיף מיין האַרץ געקלעמט;
געוויזן מיר דאָס בילד פון דיינע טעג און נעכט באַדעקט מיט שרעק,
— וואו האָסט דורך זיי פאַר מיר אַ דורכגעזעגנט די נאַכט ווי מיט אַ זעג.

III

וואו האָסט דורך זיי פאַר מיר אַדורכגעזעגט די נאַכט ווי מיט אַ זעג,
און פון דעם קלין, ביסטו אין בליץ אַ לויטערער אַרויס אַז זינד.
מיט אויגן ליכטיקע, מיט טענות צו דעם לעבן, ווי צום ווינט,
האָסטו דיין קוואַל פון צער צעעפנט אין מיין האַרץ, פאַר נעכט און טעג.

און אין די טעג אַז רו, ווערסטו צו מיר נאָך ליבער ווי אַמאָל,
כאָטש ביסט אין מיינע אומרו־נעכט: — מיין מאַמע אויך געווען אַליין,
און איינגעוויגט מיט דיין גמרא־ניגון — צער פון מיין געוויין,
וואָס האָט זיך אין דער נאַכט אָוועקגעטראָגן מיט דיין תורה־קול.

די תפילה׳דיקע אויגן דיינע, ריידן איצט צו מיר אַז רייד,
באַפאַרבן אין די הויכן דאָרט, מיין אויפבלי, אין די ניינצן יאָר,
געפירט פון דיר, אַ פאָטער, אין דעם ראָד אַריין פון נייעם דור.

און אין צעוויכערדיקן ראָד, אין זיינע אַקסן איינגעדרייט,
האָט פילע מאָל דיין שאָטן נאָכגעפאָלגט מיך אין זיין ראָד אַריין;
איך זאָל אין אייל נאָך גליק, ניט לויפן דיינע טעג פאַרביי אַז שיין.

IV

איך זאָל אין אייל נאָך גליק, ניט לויפן דיינע טעג פאַרביי אַן שיין,
זיי זאָלן פאַר מיין אויג, ווי רויך פון חורבות, ניט צעגיין אין רוים.
פאַרבלייבן זאָל מיר כאָטש פון לעבן דיינעם, אין דער פרעמד אַ טרוים,
פון דיינע יום־טוב טעג, וואָס האָסט געזונגען אין דער וועלט אַריין.

און כאָטש דיין לעבן איז אַ תשעה־באָב געווען אַן טאָג, אַן צייט,
געפונען האָסטו טרייסט נאָר אין אַ בלאַט גמרא שפּעט ביינאַכט,
האָט אין דיין מרה־שחורה, איבער מיר דיין האַרץ געוואַכט:
איך זאָל ניט גיין אַוועק פון דיר אַמאָל, אין פרעמדע דרכים ווייט.

דיין גרויסער חלום אין דיין גרויען לעבן, זאָל איך פאַר דיר זיין:
אַ היילונג פאַר דיין קראַנקע זעל, וואָס האָלט דיך איינגעריפּט אין פּיין,
וואו בלויז די איינזאַמקייט פון נאַכט, האָט צוגעהערט זיך נאָר צו דיר:

וואו ס'האָט גערעדט פון דער גמרא דיין נשמה צו דער וועלט:
איז אין מיין אויפּטאָג מיר די פרייד געוואָרן פלוצים אָפּגעשטעלט,
שוין מער פאַר דיינע יאָרן, ניט צו עפענען פון גליק — די טיר.

V

שוין מער פאַר דיינע יאָרן, ניט צעעפּענעז פון גליק — די טיר,
דאָס לעבן זאָל פאַרגיטיקן פון פּיין און צער — מיט פרייד דיין זעל;
געבעטן ס'זאָל פאַר מיר די וועלט ניט זיין פון עקדישן קיין צעל,
אַזוי ווי אין דיין אַנהויב פרילינג, איז געווען די וועלט פאַר דיר.

מיט ברכות פון דיין לויטערער נשמה, האָסטו מיך באַלוינט,
עס זאָל אין רייך פון דיינע זעאונגען, געמוטיקט זיין מיין טראָט,
און קיינמאָל ניט פאַרלירן זיך ביי שונאים, אויסגעלאַכט אין שפּאָט,
מעג מיט זלזולים אין דער פרעמד, מיין קומען ווערן ניט געשוינט.

אַזוי האָב איך אין שווייגן דיינעם, אַלע מאָל דיין האַרץ געהערט:
געהערט ווי ס'רעדט צו מיר מיט פּיין אין שלאָפלאָז לאַנגע נעכט,
וואָס האָבן מיט אַן אומרו זיך, מיט דיר פאַרמאָסטן אין געפעכט.

און ווי עס רייסט די שפע זיך אַרויס, אין פרילינג פון דער ערד,
דעם גאַנצן וועלק פון ווינטער איינצושלינגען אין איר שוואַרצן טיף:
האָט ס'לעבן מיך געגומען, ווי דער ים אין בְרויזעניש — אַ שיף.

VI

האָט ס'לעבן מיך גענומען, ווי דער ים אין ברויזעניש — אַ שיף;
אויף כוואַליעס וועלטיקע, האָב איך געטראָגן פרעמד זיך אין דער וועלט,
אין ווייטן אונטער הימלען, אָן אַ סימן פון אַ טאָג צעהעלט,
וואו ס'האָט ניט איינמאָל מיך געוואָלט די פרעמד פאַרשלינגען אין איר טיף.

און ווי אַ שיף וואָס גייט ניט רואיק אויף דעם ים באַגלייט פון ווינט,
צעשניידט די וואַלן־שרעקן, צו די ווייטע לענדער מייל נאָך מייל;
אַזוי האָב איך דאָס לעבן מיינס, געדורדערט צו דער פרעמד מיט אייל,
וואו כ'האָב געבלאָנקעט זיך אַרום, געפירט פון גורל מיינעם בלינד.

און ווי אַ בלינדער האָב איך אויפגענומען אין מיין טאָג, דאָס ליכט
וואָס האָט געגאָסן זיך ווי פון אַ וואַסער־קוואַל אויף מיין געזיכט,
ביז ס'האָט מיין בליק דערזען, די רייכע אוצרות ליכטיקן פון טיף.

און נאָך דעם בלענד פון בליצונגען, בין איך מיט פרייד צו זיי אַוועק,
אין זייערע רייען צו געפינען פאַר מיין לעבן — נייע טעג;
איך זאָל דורך זיי אין פרעמד כאָטש זען מיין גליק ווי שטראַלן דורך אַ זיפּ.

VII

איך זאָל דורך זיי אין פרעמד כאָטש זען מיין גליק, ווי שטראַלן דורך אַ זיפּ.
און נעמען פון דער וועלט די פּירות, וואָס דו האָסט אין פיין פאַרזייט.
עס זאָל דיין קינד נאָך יאָרן שפּעטער, דיך דערמאָנען אין זיין פרייד.
און פילן זאָל איך אין די פרעמדן, פאָטער, דיינע ברכות טיף.

און דאָס באַזינגען אין סאָנעטן פאַר דערלייכטונג פאַר מיין זעל,
איך זאָל ניט איינמאָל אין מיין שווייגן, רעדן כאָטש דורך זיי מיט דיר.
דערציילן ווי עס קומט אין מיין נשמה, דאָס געזאַנג צו מיר,
און ווי עס האָט אין פרעמד, די וועלט מיך ניט געלאָזן אויף איר שוועל:

ניט איינמאָל מיך דערווייטערט פון דעם לעבן אויף חדשים לאַנג.
פאַר זאָגן צו דער וועלט אין אומעטיקע שעה'ען — מיין געדאַנק.
וואָס האָט, ווי אין אַ וואַלד אַן עכאָ, אָפּגעקלונגען צו דיין טיר:

און ווי אַמעריקע האָט מיך אויפגענומען אין איר לאַנד.
און ווער עס האָט אין מיין פאַרצווייפלונג אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט.
מיט רייד, צעוויקלט לאַנגע וועגן, פאַר אַ נייער צייט פאַר מיר.

VIII

מיט רייד צעוויקלט, לאַנגע וועגן פֿאַר אַ נייער צייט פֿאַר מיר,
עס זאָל מײַן טראָט אין וועג, געזיכערט זײַן אין אויפֿטאָג אין דער פֿרעמד,
און מער ניט בלײַבן אין דער גרויסער וועלט, פֿאַר זיך אַליין פֿאַרשעמט,
וואו ס'זאָל די אומרו, ווי מײַן שאָטן, ניט אָפּטרעטן פֿון מײַן טיר.

און ווי אַ זינדיקער, וואָס ווערט געלײַטערט פֿאַר זײַן תשובה טאָן,
נאָך רינגען־פּײַן און אָפּגעשלאָסנקייט פֿאַר יאָרן פֿון דער וועלט:
אַזוי האָט אין דער פֿרעמד, מיט פֿרייד אַ בליץ מײַן טונקלקייט באַהעלט,
ווי אויפֿגעהויבן וואָלט דאָס לעבן פֿאַר מײַן בליק אַ ווײַסן פֿאָן:

אויף דעם וואָס כ'האָב געקוקט אָן ווילן פֿון פֿאַרנעם מיט טעג צוריק:
דאָס ליכט פֿון פֿרילינג מײַנעם, בלויז געזען דורך נעפּלען פֿאַר מײַן בליק,
האָט מיט דעם בליץ פֿון יוגנט אויפֿגעהויבן מיך פֿון וועלק און שלאָף.

און אַ דערלײַטערטער, באַ'חבר'ט מיט דער וועלט פֿאַר איר געשאַנק,
וואָס האָט מיר אַ נשמה צוגעטיילט, צו בענטשן מײַן געדאַנק:
האָט מיט געזאַנג דאָס האַרץ בײַ מיר, געשיקט צו גאָט אַ לויב אַרויף.

IX

האָט מיט געזאַנג דאָס האַרץ ביי מיר, געשיקט צו גאָט אַ לויב אַרויף,
באַגלייט מיט שבחים און מיט הייליקייט פון ליבע צו מיין ליד: —
וואָס האָט מיך זעלטן מיט געזאַנג געלאָזט אין שווערן לעבן מיד,
כאָטש ס'האָט די וועלט ניט איינמאָל אויף מיין האַרץ געלייגט אַ האַרבסט אַרויף.

און אין באַפרייאונג פון מיין איינגעשלאָסנקייט מיט זיך אין וויי,
האָב איך דערפילט זיך, פאָטער, פון די ברכות אין דער פרעמד געהיילט,
פון דער מתנה, וואָס דאָס לעבן האָט מיט פרייד מיר צוגעטיילט:
— די אויגן פון אַ ליבע פרוי, וואו כ'זע מיין וועלט אַצינד אין זיי.

פאַר אירע אויגן, האָב איך דיך אין בילד נאָך בילד אוועקגעשטעלט,
ווי פאַר אַן אויסשטעלונג פון אונזער לעבן אין דער אַלטער היים,
וואו ס'האָט די וועלט פאַר אונזער טיר גענומען שפּרייטן זיך געהיים,

נאָך איידער ס'האָט די מאַמע זיך מיט אונז געזעגנט פון דער וועלט,
עס האָט דאָס יום־טוב'קייט נאָך צוגעדעקט די אָרימקייט אין הויז,
געשיינט רחבות'דיק אַזוי מיט שבת אין דער גאַס אַרויס.

X

געשיינט רחבות׳דיק אַזוי מיט שבת אין דער גאַס אַרויס,
האָט אונזער הויז דאָס אָרימע גע׳יום־טוב׳ט זיך אין יום־טוב טעג,
עס האָט די מאַמע מיט איר פרייד אין בליק, צעטריבן פּיין און שרעק,
און מיט דעם שמייכל פון איר פּנים, היימלאַכקייט באַדעקט אין הויז.

די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער הייזער פאַר דער שרעק פון נאַכט,
און האָט נאָך זיך געלאָזן מחנות שאָטנס טאַנצן אויף די ווענט:
— די מאַמע בענטשט איצט ליכט, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין די הענט,
און לויבט דעם בורא, וואָס ער האָט דעם שבת אויף דער וועלט געבראַכט.

עס שטייט אין שטוב דער ווייס־געדעקטער טיש, און אויך דעם טאַטנס שטול.
איך זיץ שטיל אויף אַ בענקל, קוק מיט נייגער אויף דעם קידוש־וויין,
וואָס פינקלט פלאַמיק מיט דעם שבת אין די אויגן מיר אַריין.

אַז אָפּגעשטויבטער פון דער וואָך, קומט אַז דער טאַטע פון דער שול,
מיט אים שפּרייזט מיט אַריין אין שטוב, די יום־טוב הייליקייט פאַראויס,
מיט אויגן ליכטיקייט פון דורות־לאַנג, וואָס לעשן זיך ניט אויס.

XI

מיט אויגן ליכטיקייט פון דורות לאַנג, וואָס לעשן זיך ניט אויס,
האָט אַלע מאָל מיין פאָטער׳ס הויז באַלויכטן מיט זיין פרייד און בליק,
און מיט די זמירות אים דערהויבן ערגעץ אין אַ וועלט פון גליק,
וואו אַלע מענטשן זיינען דאָרט געווען גלייך — ניט קליין און גרויס.

די מאַמע מיט איר חנ׳עוודיקן שטילן עול אויף איר געזיכט,
זיצט צניעות׳דיק ביים שבת־טישל, קוקט דעם טאַטן אָן מיט פרייד,
וואָס הענגט אין שטוב דעם יום־טוב אויף מיט אַ געזאַנג אין זיינע רייד,
אַז ס׳ווערט דאָס שטילע לעבן פון די מרה־שחורה אויפגעריכט.

איך זיץ אויף מאַמע׳ס שויס, אַרומגענומען צאַרט פון אירע הענט,
באַרוישט פון טאַטנ׳ס זמירות, פון זיין זינגען האַרציק ליב צו גאָט,
וואָס האָט געשאָנקען אים דעם שבת, נאָך אַ וואָך פון עול אין שטאָט.

עס חלב׳ן זיך אויס די ליכט און וואַרפן שאָטנס אויף די ווענט,
און צאַנקענדיק פאַרקלעפן זיי די אויגן מיר מיט זיסן שלאָף:
— איך זאָל ניט זען אין פלעמלען פון די ליכט, דעם אויסגעברענטן סוף.

XII

„איך זאָל ניט זען אין פלעמלען פון די ליכט, דעם אויסגעברענטן סוף“,
— אָט דאָס האָט, דאַכט זיך, מיר אַמאָל מיין מאַמע וויינענדיק געזאָגט,
און נאָכדעם, האָט איך פּנים הינטער מיינע אויגן אָפּגעטאָגט,
ווי ס׳וואָלט מיין גאָט אַרויפגעלייגט אויף מיר פאַר יענעמ׳ס זינד די שטראָף.

די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער הייזער, פאַר דער שרעק פון נאַכט,
און האָט געלאָזט אַ מחנה שאָטנס אויף די ווענט פון אונזער הויז,
וואָס קוקט מיט האַרבסט אַצינד דורך אַלע פענצטער צו דער וועלט אַרויס,
פון וואַנען ס׳קומט דער מערב אָן, מיט שטיקער וואָלקן־בערג באַוואַכט.

עס נורעט זיך נאָך אין די ווינקלען, ברעקלאַך יום־טובֿ׳דיקע פרייד,
און הענגט נאָך אומעטיקער אויס דעם טאַטנ׳ס ניט־דערערדטע רייד,
וואָס בלאָנדזשען אום מיט שווייגעניש אין שטוב, פון קיינעם ניט דערהערט;

איך ליג אויף מיין געלעגער איינגעוויגט מיט אומעט פון געוויין,
און קוק צום טיש, וואו ס׳זיצט דער טאַטע ביי די שטיקלאַך ליכט אַליין;
— מיט אויגן — טאָלן, ווי מיט האַרבסט פאַרלאָפענע און איינגעטרערט.

XIII

מיט אויגן — טאָלן, ווי מיט האַרבסט פאַרלאָפענע און איינגעטרערט,
שטייסטו פאַר מיר אין מיינע טראַכטעניִשן פון דער אַלטער היים,
און קוקסט אַריין, ווי דאַמאָלסט, אין דער גרויסער וועלט, אַז רייד געהיים,
ווי דיינע אויגן וואָלטן זען קלאָר, וואָס עס וועט מיר זיין באַשערט.

מיט בליקן — סודות, קוקסטו אין מיין איינזאַמקייט אַריין פאַרטראַכט,
און נעמסט ווי דאַמאָלסט דיינע אויגן שווייגנדיק אַראָפּ פון מיר,
ווען ס'מאָנט מיין שטומער בליק אַן ענטפער פון מיין שיידן זיך מיט דיר,
נאָך איידער ס'האָט די צייט פאַר מיר דעם וועג אין פרעמדן אויפגעמאַכט.

און מיט אילוזיעס ניט געקאַרגט פון לעבן, בלייב איך זיצן שטיל:
— איך קוק אויף פוס־טריט, וואָס איך האָב געלאָזן הינטער זיך אויף וועג,
וואו כ'האָב נישט איינמאָל מיינע יאָרן נישט געבענטשט אין יענע טעג.

איך קוק אין בוך פון מיינע טרוימען, וואָס איך האָב געבלעטערט פיל:
צי האָט דאָס לעבן מיך אַמאָל אין לאַנד פון גליק, מיט פרייד באַערט,
איך זאָל ניט אין די אומרו יאָרן, גיין צוריק אויף חורבות־ערד?

XIV

איך זאָל ניט אין די אומרו יאָרן, גיין צוריק אויף חורבות־ערד,
נאָכדעם ווי ס׳האָבן מיינע פּיס באַטראָטן שוין די שוועל פון ציל,
געזען אין פרעמד דאָס לעבן פאַרביק גלאַנצן אין קאַפּריזן שפּיל,
כאָטש ס׳האָט די פרעמד ניט איינמאָל מיר מיין שמחה אין דער וועלט צעשטערט.

און אויף די וועגן וואו עס האָט מיין בליק געפירט מיך ווייט אַוועק,
האָט אין די שעה׳ען פון מיין דעמערונג, דאָס לעבן מיך געשפּייזט
מיט בילדער און געדאַנקען, אויפצוטאָגן אין דעם האַרץ מיין גייסט,
דאָס לעבן זאָל דערקאָנען אין די פרעמדן קלאָר מיין נייעם וועג.

און אַז עס וועט אַ דור ווי מיינער, גיין צום אויפטאָג אויף זיין שליאַך:
זאָל איבער אים דער הימל שיינען מיט אַ פרילינג ווי אין מאַי,
ווי ס׳האָט די זון ניט איינמאָל אין מיין האַרץ געמאַכט פון פּיין מיך פריי.

אַצינד ווען ס׳האָט דאָס לעבן מיך געשטעלט ווי איבער זיך אויף וואַך,
און שטיי אין קרייז פון זונען, ווי אַ בויער מיט אַ סערפּ אין פעלד:
באַגריים איך, פאָטער, דיך, פאַרוואָס דו האָסט געבראַכט מיך אויף דער וועלט.

XV

מיט גליבן איינגעוואָרצלט אין דיין האַרץ צו ווערן פריי פון פּיין,
האָב איך דעם לאָסט מיט דיר געטראָגן ניינצן יאָר אָן רו אין וועג,
וואו האָסט דורך זיי פאַר מיר אַדורכגעזעגט די נאַכט ווי מיט אַ זעג,
איך זאָל אין אייל נאָך גליק, ניט לויפן דיינע טעג פאַרביי אָן שיין.

שוין מער פאַר דיינע יאָרן ניט צעעפענען פון גליק — די טיר,
האָט ס׳לעבן מיך געטומען, ווי דער ים אין ברויזעניש — אַ שיף,
איך זאָל דורך זיי אין פרעמד כאָטש זען מיין גליק ווי שטראַלן דורך אַ זיף:
— מיט רייך צעוויקלט לאַנגע וועגן פאַר אַ נייער צייט פאַר מיר.

האָט מיט געזאַנג דאָס האַרץ ביי מיר, געשיקט צו גאָט אַ לויב אַרויף.
געשיינט רחבות׳דיק אַזוי מיט שבת אין דער גאַס אַרוים.
מיט אויגן ליכטיקייט פון דורות לאַנג, וואָס לעשן זיך ניט אוים,

איך זאָל ניט זען אין פלעמלען פון די ליכט, דעם אויסגעברענטן סוף,
מיט אויגן — טאָלן, ווי מיט האַרבסט פאַרלאָפענע און איינגעטרערט: —
איך זאָל ניט אין די אומרו יאָרן, גיין צוריק אויף חורבות־ערד!